STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01533

ERTSEHLUNG VEGEN ZIEBEN GEHANGENE

Leonid Andreyev

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

I.

אײנם דעם זייגער, וואשע פרעוואסחאדיטעלסטוואָ.

אזוי ווי דער מיניסטער איז געווען זעהר דיק, א קאנדידאט אויף אפאפלעקסיע, האט מען מיט פערשידענע פארזיכטיגקייטען, כדי נישט ארויסצורופען א געפעהרליכע אויפרעגונג, איהם מתרה געווען, אז אויף איהם גרייט זיך זעהר אן ערנסטער אנפאל. זעהענדיג, אז דער מיניס-טער האט אנגענומען די ידיעה רוהיג און אפילו מיט א שמייכעל, האט מען איהם בעקאנט געמאכט אויך מיט די פרטים: דער אנפאל דארף פארקומען מארגען, אין דער פריה, ווען ער וועט ארויספאהרען מיט'ן דאקלאד; עטליכע טעראריסטען, פון וועלכע א פראוואקאטאר האט שוין אויסגעזאגט און נאך וועלכע סישטשיקעס שפירען איצט כסדר נאך, דארפען זיך צונויפקומען מיט באמבעס און רעוואלווערען אײנם דעם זייגער ביים טויער און ווארטען, ביז ער וועט ארויסגעהן. דא וועט מען זיי טאקי פערהאלטען.

— ווארט, — האט זיך פערוואונדערט דער מיניסטער: — פון וואַ-נעט זשע וויסען זיי, אז איך וועל ארויספאהרען מיט'ן דאקלאד אײנם דעם זייגער? איך אליין האב זיך דאך דערוואוסט דערפון ערשט פאַר-נעכטערן!

דער נאטשאלניק פון דער אחראנע האט אונבעשטימט צופיהרט מיט די הענד:

— פינקטליך אײנם דעם זייגער, וואשע פרעוואסחאדיטעלסטוואָ!

צי פערוואונדערט, צי צופרידען מיט דער פאליציי, וועלכע האט אלץ אזוי גוט איינגעארדנעט, האט דער מיניסטער א שאקעל געטון מיט'ן קאפ און האט אומעטיג געגעבען א שמייכעל מיט די גראבע, טונ-קעלע ליפען; און מיט דעם זעלבען שמייכעל, ווייך, נישט ווילענדיג אויך ווייטער שטערען דער פאליציי, האט ער גיך צונויפגענומען די נעטיגע זאכען און איז אוועקגעפאהרען נעכטיגען עפּיס אין א פרעמ-דען גאסטפריינדליכען פאלאץ. אויך זיין פרוי און ביידע קינדער, די

מען אַרויסגעפיהרט פון דעם געפעהרליכען הויז, געגען וועלכען עס וועלען מאָרגען זיך צונויפקומען באָמבענוואַרפערס.

ביז עס האָבען געברענט די פייערן אין פרעמדען פּאַלאַץ און פריינדליכע, בעקאַנטע געזיכטער האָבען זיך גענייגט, געשמייכעלט און געוואָען אויפגעבראַכט, האָט דער מיניסטער געפיהלט אַן־אַנגענעהמע אויפרעגונג — ווי מען וואָלט איהם שוין געגעבען אָדער געבען וועט איהם באַלד געבען אַ גרויסע און אומגעריכטע מתנה. נאָר די מענשען זענען זיך פונאַנדערגעפאָהרען, די פייערן האָט מען פערלאָשען, און דורך די שפּיגעל־שויבען האָט אויפ'ן פּאָל און אויף די ווענט זיך געלעגט דאָס געשפּענסטערישע שפּיצען־ליכט פון די עלעקטרישע לאַמטערענס; פרעמד דעם הויז מיט זיינע בילדער, סטאַטוען און שטילקייט, אַריינקומענדיג פון גאַס, זעלבסט שטיל און אונבעשטימט, האָט עס געוועקט אַן־אונרוהיגען געדאַנק וועגען אומזיסטינקייט פון שלעסער, אויפזיכט און ווענט. און דאָ ביי נאַכט, אין שטילקייט און איינזאַמקייט פון פרעמדען שלאָפצימער, איז דעם מיניסטער געוואָרען אונערטרעגליך־שרעקליך.

ער האָט עפּיס געליטען מיט די נירען, און ביי יעדער שטאַרקער אויפרעגונג פלעגט זיין געזיכט, הענט און פיס זיך אָנגיסען מיט וואַסער און געשוואָלען ווערען, און דערפון פלעגט ער ווערען נאָך גרעסער, נאָך דיקער און מאַסיווער. און איצט, ווי אַ באַרג צובלאָזען פלייש ליגענדיג אויף די צוגעפרעסטע ספּרינזשינעס פון בעט, האָט ער מיט פיין פון אַ קראַנקען געשפּירט זיין געשוואָלען, ווי פרעמד, געזיכט, און האָט אָהן אויפהער געטראַכט וועגען דעם אַכזריות'דיגען גורל, וואָס מענשען האָבען פאַר איהם צוגעגרייט. עס זענען אויפגעשווימען אין זיין זכרון איינער נאָך אַנדערן אַלע נישט־ווייטע גרויזאַמע פאַלען, ווען אין מענשען פון זיין הויכען, און אַפילו נאָך העכערן גראַד, האָט מען געוואָרפען באָמבעס, און די באָמבעס האָבען געריסען אויף פיצלעך דאָס לייב, צושפּריצט די געהירן אויף די שמוציגע ציגעל־ווענט, אויסגעזעצט די ציין פון די נעסטער. און פון די ערינערונגען האָט זיין אייגען דיק קראַנק לייב, וואָס האָט זיך צולעגט אויפ'ן בעט, אויסגעזעהן איהם שוין פרעמד, שוין פיהלענדיג די פייערדיגע קראַפט פון אויפרייס; און ס'האָט זיך געדאַכט, ווי די הענט אין שולטער טיילען זיך אָב פון קערפּער, די ציין פאַלען אַרויס, די געהירן צופאַלען זיך אויף שטיקליך, די פיס ווערען געלעמט און

ליגען רוהיג, מיט די פינגער ארויף, ווי ביי א בר-מנן. ער האט זיך אומיסטען געריהרט, הויך געאטעמט, געהוסט, כדי גאר נישט עדגליך צו זיין צו א טויטען, זיך ארומגערינגעלט מיט'ן לעבעדיגען גערויש פון קלינגענדיגע ספרינגשינעס, פון שארכענדיגער קאלדרע; און אים צו וויזען, אז ער איז פאלקאם לעבעדיג, קיין טראפעלע נישט גע-שטארבען און וויים פון טויט, ווי יעדער אנדערער מענש — האט ער הויך און האסטיג גערעדט מיט זיין באס אין שטילקייט און איינזאקייט פון שלאפצימער:

— וואוילע יונגען! וואוילע יונגען! וואוילע יונגען!

דאס האט ער געלויבט די סישטשיקעס, די פאליצייי און די סאלדאטען, די אלע, וועלכע היטען זיין לעבען און האבען אזוי צייטיג, אזוי פלינק נישט דערלאזט די רציחה. נאר בעוועגענדיג זיך, נאר לויבענדיג, נאר שמייכלענדיג מיט'ן געמאכטען קרומען שמייכעל, שפאטענדיג פון די נארישע שלימזל-טעראריסטען, — האט ער נאך אליין נישט געגלויבט אין זיין רעטונג, אז דאס לעבען וועט פלוצים, מיט א מאל, נישט אוועק פון איהם. דער טויט, וועלכען מענשען האבען פאר איהם פערקלערט, און וועלכער איז געווען נאר אין זייערע געדאנקען, אין זייערע כונות, איז שוין ווי געשטאנען דא, און וועט שטעהן, נישט אוועקגעהן, ביז מען וועט יענע לייט נישט חאפען, אוועקנעהמען ביי זיי די באמבעס און זיי אליין איינזעצען אין פעסטע טורמעס. אט אין יענעם ווינקעל שטעהט ער, און געהט נישט אוועק — קאן נישט אוועקגעהן, ווי א געהארכזאמער סאלדאט, וועלכען עמיצענס ווילען און בעפעהל האט אוועקגעשטעלט אויף דער וואך.

— איינס דער זייגער, וואשע פרעוואסחאדיטעלסטווא! — האט געהילכט די ארויסגעזאגטע פראזע, איבערגיסענדיג זיך אויף אלע קולות: דא פריילך-שפאטיש, דא בייז, דא פערעקשנ'ט און שטומפיג. גלייך ווי מען וואלט אריינגעשטעלט אין שלאפצימער הונדערט אנגעדרעהטע גראמאפאנען און אלע, איינער נאך דעם אנדערען, מיט אידיאטישען פלייס פון א מאשין האבען זיי אויסגעשריגען די ווערטער, וועלכע מען האט זיי געהייסען:

— איינס דעם זייגער, וואשע פרעוואסחאדיטעלסטווא! —

און אט דער מארגענדיגער „איינס דעם זייגער", וועלכער האט ערשט נישט לאנג זיך מיט גאר נישט אונטערשיידעט פון אנדערע, געווען נאר א רוהיגע בעצייכנונג פון וויזער איבער'ן ציפער-בלאט פון

געלדענעם זינגער, האט פלוצים ערווארבען א שוידערהאפטע איבער־צייגונגס־קראפט, איז ארויסגעשפרונגען פון ציפערבלאט, האט אנגעהויבען לעבען בעזונדער, זיך אויסגעצויגען ווי א ריזיגער שווארצער סלופ, וואס צושניידט דאס גאנצע לעבען אויף צוויי'ען. גלייך ווי פאר איהם און נאך איהם האבען נישט עקזיסטירט קיין שום אנדערע שטונדען, און נור ער איינער, העזה'דיגער און גאוה'דיגער, האט רעכט אויף עפיס א בעזונדערע עקזיסטענץ.

— נו? וואס ווילסטו? — צווישען די ציין, ביז האט געפרעגט דער מיניסטער.

עס האבען געלארמעט די גראמאפאנען:

— איינס דעם זינגער, וואשע פרעוואסחאדיטעלסטווא! — און דער שווארצער סלופ האט געשמייכעלט און זיך געבוקט. דער מיניסטער האט א סקריפע געטהון מיט די ציין, האט זיך אונטערגעהויבען זוּפ'ן געלעגער און זיך אנידערגעזעצט, אנגעשפארט דאס געזיכט אויף די דלאניעס — ווירקליך ער האט נישט געקאנט איינשלאפען די דאזיגע עקעלהאפטע נאכט.

און מיט א גרויזאמער קלארהייט, פערדעקענדיג דאס פנים מיט די ווייכע, אנגעפערפומירטע דלאניעס, האט ער זיך פארגעשטעלט, ווי מארגען אין דער פריה וואלט ער אויפגעשטאנען, נישט וויסענדיג פון גאר נישט, דערנאך געטרינקען קאווע, נישט וויסענדיג פון גאר נישט, דערנאך זיך אנגעטהון אין פארדערהויז. און נישט ער, נישט דער שווייצאר, וואס דערלאנגט דאס פוטער, נישט דער לאקאי, וואס ברענגט די קאווע, וואלטען נישט געוואוסט, אז עס איז אינגאנצען זינלאז צו טרינקען קאווע, צו אנטהון דאס פוטער, ווען אין עטליכע אויגענבליקען ארום ווערט דאס אלץ: אי דאס פוטער, אי זיין לייב, אי די קאווע, וועלכע איז אין איהם, פערניכטעט ווערען פון אויפרייס, גענומען ווערען פון טויט. אט עפענט דער שווייצאר די גלעזערנע טיר... און אט ער, דער ליבער, גוטער, ווייכער שווייצאר, וועלכער האט בלויע סאלדאטסקע אויגען און אָרדערס איבער דער גאנצער ברוסט, עפענט אליין מיט אייגענע הענט די שרעקליכע טיר — עפענט, ווייל ער ווייסט נישט פון גאר נישט. אלע שמייכלען, ווייל זיי וויסען נישט פון גאר נישט.

— אהא! — האט ער פלוצים הויך ארויסגעזאגט און לאנגזאם אוועקגענומען די הענט פון'ם פנים. און קוקענדיג אין די פינסטערע

נִישׁ, ווייט פֿאַר זיך, מיט אַ פֿערגליווערטען, אָנגעשטרענגטען בליק, אויך לאַנגזאַם אויסגעצויגען די האַנד, אָנגעטאַפּט דאָס קנעפּעל און אָנגעצינדען פֿייער. דערנאָך איז ער אויפגעשטאַנען און, נישט אָנטועענדיג די מעשטעס, מיט די באָרוויסע פֿיס אויפ'ן דיוואַן, דורכגעגאַנגען דאָס פֿרעמדע אונבעקאַנטע שלאָפֿצימער, געפֿינען נאָך אַ קנעפּעל פֿון אַ וואַנט־לאָמפּ און אָנגעצינדען. עס איז געוואָרען ליכטיג און אַנגענעהם, און נאָר דאָס צורודערטע געלעגער מיט דער קאָלדרע, וואָס איז אַראָבגעפֿאַלען אויפ'ן פּאָל, האָט דערצעהלט וועגען עפּעס אַ אינגאַנצען נאָך נישט פֿאַריבערגעגאַנגענער אימה.

אין נאַכטוועש, מיט אַ באָרד, וואָס האָט זיך צושויבערט פֿון אונרוהיגע בעוועגונגען, מיט בייזע אויגען, איז דער מיניסטער געווען ענהליך צו יעדען אַנדערען בייזען אַלטען־מאַן, וועלכער ליידט פֿון שלאָפלאָזיגקייט און שווערער אַסטמע. גלייך ווי דער טויט, וועלכען מענשען האָבען פֿאַר איהם צוגעגרייט, וואָלט איהם ענטבלויזט, אָבגעריסען פֿון גלאַנץ און פֿון אימפּאָזאַנטער פּראַכט, וועלכע איז געווען אַרום איהם — און שווער איז געווען צו גלויבען, אַז דאָס האָט ער אַזוי פֿיעל מאַכט, אַז דאָס דאַרף זיין לייב, אַזא געוועהנליך, פּראָסט מענשליך לייב אומקומען שרעקליך אין פֿייער און דונער פֿון אָנגעהויערען אויפרייס. נישט אָנטועענדיג זיך און נישט פֿיהלענדיג די קעלט, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אין ערשטען געטראָפֿענעם שטול, האָט אונטערגעשפּאַרט מיט דער האַנד די צושויבערטע באָרד און ערנסט, אין אַ טיעפער און רוהיגער פֿערטראַכטקייט, אָנגעשטעלט די אויגען אויף דעם פּלאַסטישען אונבעקאַנטען סופֿיט.

הייסט עס, אָט וואָס עס איז די קינץ! אָט פֿאַר וואָס ער האָט זיך אַזוי דערשראָקען און אַזוי אויפגערעגט! אָט פֿאַר וואָס „ער" שטעהט אין ווינקעל און געהט נישט אַוועק, און קאָן נישט אַוועקגעהן!

— טפשים! — האָט ער געזאָגט פֿערטראַכטענד און פֿעסט.

— טפשים! — האָט ער איבערגעחזר'ט נאָך העכער און האָט לייכט אויסגעדרעהט דעם קאָפּ צו דער טיר, עס זאָלען הערען די, וועמען עס איז נוגע. און געמיינט האָט ער די, וועלכע ער האָט ערשט נאָר וואָס אָנגערופֿען וואוילע יונגען, און וועלכע האָבען אין איבערפֿלוס פֿון פֿלייס געגעבי דערצעהלט איהם וועגען אנפֿאַל, וואָס דאַרף פֿאָרקומען.

— נו, געווים, — האָט ער געטראַכט טיף, מיט אַ פּלוצים פֿעסט־

געוואָרענעם און פֿליסיגען געדאַנק, — נאָר איצט, ווען מען האָט מיר דערצעהלט, ווייס איך און האָב מורא, אָבער דעמאָלט וואָלט איך דאָך גאָר נישט געוואוסט, און רוהיג געטרינקען די קאַווע. נו און דערנאָך, נאַטירליך, דער טויט — אָבער צי האָב איך דען אַזוי מורא פֿאַר'ן טויט? אָט טוען מיר וועה די נירען, און איך וועל דאָך אַמאָל שטאַרבען, און איך שרעק זיך נישט, ווייל איך ווייס פֿון גאָר נישט. און די טפשים האָבען געזאָגט: איינס דעם זייגער, וואַשע פּרעוואָסחאָדיטעלסטוואָ. און האָבען געמיינט, טפשים, אַז איך וועל מיך פֿריידען, און אַנשטאַט דעם האָט „ער" זיך אַוועקגעשטעלט אין ווינקעל און גערעט נישט אַוועק. גערעט נישט אַוועק, ווייל דאָס איז מיין געדאַנק. און נישט דער טויט איז שרעקליך, נאָר דאָס וויסען פֿון איהם; און עס וואָלט געווען גאָר אונמעגליך צו לעבען, ווען דער מענש זאָל קאָנען פּאָלקאָם פּונקטליך און בעשטימט וויסען דעם טאָג און די שעה, ווען ער וועט שטאַרבען. און די טפשים זענען מתרה: איינס דעם זייגער, וואַשע פּרעוואָסחאָדיטעלסטוואָ!

ס'איז געוואָרען אַזוי לייכט און אַנגענעהם, גלייך ווי עמיצער זאָל איהם זאָגען, אַז ער איז גאָר אונשטערבליך און וועט קיינמאָל נישט שטאַרבען. און ווידער פֿיהלענדיג זיך שטאַרק און קלוג צווישען דער דאָזיגער טשערדע טפשים, וועלכע רייסען זיך אַזוי זינלאָז און חוצפּהדיג אַריין אין סוד פֿון דעם, וואָס דאַרף ערשט קומען, האָט ער זיך פֿער־טראַכט וועגען דער זעליגקייט פֿון נישט־וויסען — מיט שווערע געדאַנקען פֿון אַנאַלטען, קראַנקען, פֿיעל דורכגעגאַנגענעם מענשען. קיין שום לעבעדיגער זאַך, נישט דעם מענשען, נישט דער חיה, איז נישט געגעבען צו וויסען דעם טאָג און די שעה פֿון זייער טויט. אָט איז ער נישט לאַנג געווען קראַנק, און דאָקטוירים האָבען איהם געזאָגט, אַז ער וועט שטאַרבען, געהייסען שרייבען אַ צוואָה, — און ער האָט זיי נישט געגלויבט און איז ווירקליך געבליבען לעבען. און אין דער יוגענד איז געווען אַזוי: פֿערפּלאָנטערט האָט ער זיך אין לעבען און בעשלאָסען צו שטאַרבען; שוין צוגעגרייט אַ רעוואָלווער און בריעף אָנגעשריבען, און אפילו די שעה פֿאַר'ן זעלבסטמאָרד בע־שטימט, — און סאַמע פֿאַר'ן סוף האָט ער פּלוצים חרטה געקריגען. און שטענדיג אין סאַמע לעצטען אויגענבליק קאָן זיך עפּעס ענדערן, קאָן פֿאָרקומען אַ אונערוואַרטעטע צופֿעליגקייט, און דעריבער קאָן קיינער נישט זאָגען, ווען ער וועט שטאַרבען.

„איינס דעם זייגער, וואַשע פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ" — האָבען איהם געזאָגט די פאַרנעהמע איידעלען און חאָטש האָבען געזאָגט נאָר דערפאַר, וואָס דער טויט איז נישט דערלאָזט געוואָרען, — דאָס וויסען אַליין פון זיין מעגליכער שעה האָט איהם אָנגעפילט מיט גרויעל. מען קאָן זיך פאַלקאָם מאָלען, אַז ווען עס איז וועט מען איהם הרג׳נען, אָבער מאָרגען וועט דאָס נישט זיין — מאָרגען וועט דאָס נישט זיין — און ער מעג שלאָפען רוהיג ווי אַנ׳אונשטערבליכער. טפשים, זיי האָבען נישט געוואוסט, וואָס פאַר אַ גרויס געזעץ זיי האָבען אַראָבגעריקט פון אָרט, וואָס פאַר אַ לאָך זיי האָבען געעפענט, ווען זיי האָבען געזאָגט מיט זייער אידיאָטישער פאָרנעהמליכקייט: „איינס דעם זייגער, וואַשע פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ".

— ניין, נישט איינס דעם זייגער, וואַשע פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ, נאָר — מען ווייסט נישט, ווען. מען ווייסט נישט, ווען. וואָס?

— גאָר נישט — האָט געענטפערט די שטילקייט. — גאָר נישט.

— ניין, דו זאָגסט עפּעס.

— גאָר נישט, שטותים. איך זאָג: מאָרגען, איינס דעם זייגער.

און מיט אַ פּלוצליכען שאַרפען וועהמוט אין האַרצען האָט ער פערשטאַנען, אַז ער וועט נישט האָבען נישט קיין שלאָף, נישט קיין רוה, נישט קיין פרייד, ביז עס וועט נישט פאַריבערגעהן אָט די פער־שאָלטענע, שוואַרצע אַרויסגעריסענע פון ציפערבלאַט שעה. נאָר דער שאָטען פון וויסען וועגען דעם, וואָס קיין לעבעדיג בעשעפעניש דאַרף נישט וויסען, איז געשטאַנען דאָרט אין ווינקעל, און ער איז שוין געוועזען גענוג, אום צו פערפינסטערן דאָס ליכט און אַרויסיאָגען אויפ׳ן מענשען דאָס געדעכטע פינסטערניש פון אימה. דער איינמאָל אויפגעוועקטער שרעק פון טויט האָט זיך צוגאָסען איבער׳ן לייב, זיך איינגעגעסען אין די ביינער, אַרויסגעשטעקט דעם בלאַסען קאָפּ פון יעדען קעסטעלע פון קערפער.

שוין נישט פאַר די מאָרגענדיגע מערדער האָט ער מורא געהאַט — זיי זענען פערשוואונדען, פערגעסען געוואָרען, זיך אויסגעמישט מיט דער מענגע פיינדליכע געזיכטער און ערשיינונגען, וואָס רינגלען־אַרום זיין מענשענס־לעבען, — נאָר פאַר עפּעס פּלוצליכעס, אונפערמיידליכעס: פאַר אַנאַפּאָפּלעקסיע, האַרץ־פּלאַצעניש, פאַר עפּעס אַ דינינקער נאַרישער אַרטע, וואָס וועט מיט אַ מאָל נישט אויסהאַלטען דעם

דראַנג פֿון בלוט און וועט פּלאַצן, ווי אַ ענגע הענטשקע אויף גראָבע פֿינגער.

און שרעקלעך האָט זיך אויסגעדאכט דער קורצער, גראָבער האַלז און אונטערטרעגלעך איז געווען צו קוקן אויף די פֿערשוואָלענע קורצע פֿינגער, פֿיהלען, ווי זיי זענען קורץ, ווי זיי זענען פֿול מיט שטערבליכער פֿליסיגקייט. און אויב פֿריהער, אין פֿינסטערניש, האָט ער געמוזט זיך בעוועגן, אום נישט עהנליך צו זיין צו אַ בר־מנן, איז איצט, אין דעם ראָזיגען העלען, קאַלט־פֿיינדליכען, שרעקליכען ליכט געוועזן גרויזאַם, אונמעגליך זיך אַריהר צו טהון, אום אַרויסצונעהמען אַ פּאַפּיראָס — אַ קלינג טון נאָך עמיצען. די נערווען האָבען זיך אָנגעשטרענגט. יעדער נערוו האָט אויסגעזעהן עהנליך צו זיין צו אַ דראָט, וואָס איז אויסגעבויגען אויבען־אַרויף, און וואָס אויף זיין שפּיץ איז אַ קליין קעפּעלע מיט אויגען, וואַנזיניג־אַרויסגעקראָכענע פֿון אימה, מיט אַ מויל, קאָנוואולסיוו־אָפֿענעם, דערשטיקטען, שטומען. נישטאָ מיט וואָס צו אָטעמען.

און פּלוצים אין פֿינסטערניש, צווישען שטויב און שפּינוועבס, ערגעץ אונטערן סופֿיט האָט אויפֿגעלעבט אַ עלעקטרישע גלעקעל. דאָס קליינע מעטאַלישע צינגעל האָט קאָנוואולסיוו, אין אימה, זיך געשלאָגען אָן דעם ראַנד פֿון דעם קלינגענדיגען בעכערל, אַנשוויגען געוואָרען — און ווידער געצאַפּעלט אין אונאויפֿהערליכער אימה און קלאַנג. דאָס האָט געקלינגען פֿון זיין צימער יעוואָ פּרעוואָסחאָדיטעלסטוואָ.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבען אַ לויפֿעניש פֿון מענשען. דאָ און דאָרט, אין די שפּיגלען און אויף די ווענט האָבען זיך אָנגעצינדען איינצעלנע לעמפּעלעך, — זיי זענען געווען ווייניג פֿאַר׳ן ליכט, אָבער גענוג, עס זאָלען ערשיינען שאָטענס. איבעראַל האָבען זיי זיך בעוויזען: זיך אַוועקגעשטעלט אין ווינקעל, זיך אויסגעצויגען איבער׳ן סופֿיט; צאַפּעלדיג־אָנחאַפּענדיג זיך אָן יעדעס בערטעלע זיך צוגעטולעט צו די ווענט; אין שווער איז געווען צו פֿערשטעהן, וואו האָבען זיך געפֿינען פֿריהער די אַלע אונצאָהליגע, עסליכע, שווייגענדיגע שאָטענס, שטומע נשמות פֿון שטומע זאַכען.

הויך האָט עפּעס גערעדט אַ גראָבע ציטערדיגע שטימע. דערנאָך האָט מען אַרויסגערופֿען אַ דאָקטאָר דורכ׳ן טעלעפֿאָן: דעם מיניסטער

איז נישט גוט געווארען. מען האט ארויסגערופען אויך די פרוי פון מיניסטער.

II.

צום טויט־שטראף דורך הענגען.

אלץ איז געשעהען אזוי, ווי די פאליציי האט גערעכענט. פיער טעראריסטען, דריי מאנסלייט און איין פרויענצימער, בעוואפענטע מיט באמבעס, טייוועל־מאשינען און רעוואלווערען, האט מען געכאפט ביים זאמע טויער, די פינפטע — האט מען געפינען און ארעסטירט אויף זייער קאנספיראטיווער דירה, פון וועלכער זי איז געוועזען די בעל־הבית'טע. געכאפט האט מען דערביי פיעל דינאמיט, האלב פארטיגע באמבעס און געוועהר. אלע ארעסטירטע זענען געוועזען זעהר יונג: דער עלטעסטער פון די מאנסלייט איז אלט געוועזען אכט און צוואנציג יאהר, די יונגסטע פון די פרויענצימערן סך הכל נייצעהן. געמשפט האט מען זיי אין דער זעלבער פעסטונג, וואו מען האט זיי איינגעזעצט נאכ'ן ארעסט, געמשפט גיך און שטיל, ווי מען האט געטון אין יענער אומ'ברחמנות'דיגער צייט.

אין געריכט זענען אלע פינף געוועזען רוהיג, נאר זעהר ערנסט און פערקלערט: אזוי גרויס איז געוועזען זייער פעראכטונג צו די שופטים, אז קיינעם האט זיך נישט געוואלט מיט אן איבעריגען שמייכעל אדער מיט א געמאכטען אויסדרוק פון פרייד בעטאנען זיין דרייסטקייט. פונקט אויף אזוי פיעל זענען זיי געוועזען רוהיג, וויפיעל עס איז נויטיג דערצו, מען זאל פערשטעלען די נשמה און איהר חושך, וואס פארן טויט, פון פרעמדען, בייזען און פיינדליכען בליק. אמאל ענטזאגט צו ענטפערן אויף די פראגען, אמאל געענטפערט — קורץ, איינפאך און פונקטליך גלייך ווי נישט פאר די שופטים, נאר פאר סטאטיסטיקער האבען זיי געענטפערט צו פערפילען עפיס בעזונדערע טאבעלען. דריי, איין פרויענצימער און צוויי מאנסלייט, האבען אנגערופען זייערע ריכטיגע נעמען, צוויי האבען זיך אבגעזאגט אנצורופען און זענען טאקי פערבליבען פאר די שופטים אונבעקאנטע. און צו אלעם, וואס קומט פאר אין געריכט, האבען זיי ארויסגעוויזען א פערוויכטע, דורך א היימעל, נייגיריגקייט, ווי מענשען, וואס זענען אדער שווער קראנק, אדער

פֿערהאַפּט פֿון איין גרויסען, אַליך־פֿערשלינגענדען געדאַנק. האָבען פֿלינק געוואָרפֿען אַ בליק, געחאַפּט אין פֿלוג עפּעס אַ וואָרט, מעהר אינטערעסאַנטעס ווי אַנדערע — און ווייטער געטראַכט פֿון דעם זעלבען אָרט, אויף וועלכען עס האָט זיך אָבגעשטעלט דער געדאַנק.

דער ערשטער פֿון די שופטים איז געזעסען איינער פֿון די, וואָס האָבען זיך אָנגערופֿען ביים נאָמען — סערגיי גאַלאָווין, זוהן פֿון דימיסיאָנירטען פּאָלקאָווניק, אַליין געוועזענער אָפֿיציר. דאָס איז געוועזען נאָך גאָר אַ יונגער, בלאָנדער, ברייטפּלייצעדיגער בחור, אַזאַ געזונדטער, אַז נישט די טורמע, נישט די ערוואַרטונג פֿון זיכערען טויט האָבען נישט געקאָנט אָבווישען די פֿאַרבען פֿון זיינע באַקען און דעם אויסדרוק פֿון יונגער גליקליכער נאַאיוויטעט פֿון זיינע בלויע אויגען. די גאַנצע צייט האָט ער געצופּט דאָס צושויבערטע ליכטיגע בערדעל, צו וועלכען ער איז נאָך נישט געוועהנט געוואָרען, און האָט אָהן אויפֿהער, צומאַכענדיג די אויגען און פֿינטלענדיג מיט זיי, געקוקט אין פֿענסטער.

דאָס איז פֿאָרגעקומען ענדע ווינטער, ווען צווישען שנייאיגע שטורעמס און טריבע פֿראָסטיגע טעג האָט דער נאָהנטער פֿרילינג געשיקט, ווי זיין פֿאָרגענגער אַ העלען וואַרימען זוניגען טאָג, אָדער אפילו נאָר איין שעה, אָבער אַזאַ פֿרילינגדיגע, אַזאַ גיריג־יונגע און שיינענדע אַז די שפּערלינגע אויף דער גאַס זענען פֿון זינען אַראָב פֿון פֿרייד און די מענשען זענען ווי פֿער׳שכור׳ט געוואָרען. אויך איצט, אין דאָס אויבערשטע, פֿערשטויבטע, פֿון פֿאָריגען זומער נישט דורכגעוואַשענע פֿענסטער האָט אַריינגעקוקט זעהר אַ מאָדנער און שענער הימעל; אויפ׳ן ערשטען בליק האָט ער אויסגעזעהען מילך־גרוי, רויכיג, און ווען מען האָט געקוקט לענגער — האָט אויף איהם אָנגעהויבען אַרויסטעטען אַ בלויקייט, ער האָט אָנגעהויבען בלויער ווערען — אַלץ טיפֿער, אַלץ העלער, אונבעגרענצטליכער. און דאָס, וואָס ער האָט זיך נישט געעפֿענט מיט אַ מאָל אינגאַנצען, נאָר האָט זיך צנועית׳דיג געהילט אין רויך פֿון דורכזיכטיגע וואָלקענס, האָט איהם געמאַכט זיס, ווי אַ מיידעל, וועלכעס דו האָסט ליעב; און סערגיי גאַלאָווין האָט געקוקט אין הימעל, געצופּט דאָס בערדעל, צוגעמאַכט דאָ איין אויג, דאָ דאָס צווייטע מיט לאַנגע ווייכע ווייעס און עפּעס שטאַרק בעקלערט. איינמאָל האָט ער זאָגאַר אָנגעהויבען גיך אַרבייטען מיט די פֿינגער און האָט נאַאיוו זיך צונויפֿגעקאָרטשעט פֿון עפּעס אַ פֿרייד, — האָט אָבער

א בליק געטון ארום און איז פערלאשען געווארען ווי א פונק, אויף וועלכע מען האט אנגעטרעטען מיט א פוס. און כמעט אויגענבליקליך איז דורך די פארבען פון די באקען, כמעט אהן אנ'איבערגאנג אין בלייכקייט, ארויסגעטרעטען א ערדישע טויט-בלויקייט; און א ווייך העראלע, מיט וועלכע ארויסרייסענדיג זיך פון נעסט, איז צונויפגעפרעסט געווארען, ווי אין צוואנגען, אין די פינגער, וואס זענען ווייס געווארען אויף די שפיצען. נאר די פרייד פון לעבען און פרילינג איז געווען שטארקער — און עטליכע מינוט ארום האט דאס פריהעריגע יונגע, נאאיווע געזיכט זיך געצויגען צום פרילינגס-הימעל.

אהין-צו, אין הימעל, האט אויך געקוקט א יונג, בלייך מיידעל, אנ'אומבעקאנטע, מיט'ן צונאמען מוסיא. זי איז געווען יונגער פון גאלאווין, נאר האט אויסגעזעהן עלטער אין איהר שטרענגקייט, אין דער שווארצקייט פון איהרע גלייכע און שטאלצע אויגען. נאר דער זעהר דינער, צארטער האלז, און אויך אזעלכע דינע מיידעלישע הענט האבען דערצעהלט וועגען איהר עלטער; און נאך דאס, וואס קאן נישט געכאפט ווערען, וואס איז די יוגענד אליין און וואס האט געקלונגען אזוי קלאר אין איהר קול, ריינעם, הארמאנישען, מייסטעריש-געשטעלטען, ווי א טייערער אינסטרומענט, אין יעדען פראסטען ווארט, אויסרוף — ענטדעקענדיג זיין מוזיקאלישען אינהאלט. געווען איז זי זעהר בלאס, נאר נישט מיט טויט-בלאסקייט, נאר מיט דער בעזונדערער הייסער ווייסקייט, ווען איינווייניג אין מענשען איז ווי אנגעצינדען א ריזיג, מעכטיג פייער, און דאס לייב לייכט זיך דורכזיכטיג, ווי דינער סעווער-פארפאר. געזעסען איז זי, כמעט נישט ריהרענדיג זיך, און נאר זעלטען, מיט אומבעמערקטער בעוועגונג פון די פינגער האט זי אנגעטאפט א טיעף פאסיקעל אויפ'ן מיטעלען פינגער פון דער רעכטער האנד, א סימן פון עפעס א נישט לאנג ארויסגענומענעם פינגערעל. און אויפ'ן הימעל האט זי געקוקט אהן צארטקייט און פריינדליכע ערינערונגען, נאר דערפאר, ווייל אין גאנצען שמוציגען קאזאנע זאל איז דאס בלויע שטיקעל הימעל געווען דאס סאמע שענסטע, סאמע ריינסטע און סאמע אמת'דיגע — און האט גאר נישט אויסגעפארשט פון איהרע אויגען.

אויף סערגיי גאלאווין האבען די שופטים רחמנות געהאט, זי — האבען זיי געהאסט.

אויך נישט ריהרענדיג זיך, אין עטוואס א אנגעשטרענגטער פאזע צונויפגעלעגט די הענט צווישען די קניהען, איז געזעסען איהר שכן,

אַנ'אומבעקאַנטער, מיט'ן נאָמען וו ע ר נ ע ר. אויב אַ פּנים קאָן מען פֿערשליסען, ווי אַ בלינדע טיר, האָט דער אומבעקאַנטער זיין געזיכט פֿערשלאָסען ווי אַנ'אייזערנע טיר, און אַ שלאָס האָט ער אויף איהם אויפגעדאַנגען אויך אַנ'אייזערנעם. געקוקט האָט ער אומבעוועגליך גראָב אויף דעם הילצערנעם שמוציגען פּאָל, און ס'איז נישט געווען צו פֿערשטעהן: איז ער רוהיג צי ערגערט זיך איינענדליך, טראַכט זעגען עפּעס צי הערט, וואָס עס זאָגען עדות פֿאַר'ן געריכט די סיטשעשיקעס. אַוואַדען האָט ער געהאַט נישט קיין הויכע; געזיכטס-צוגען דינע און איידעלע. צאַרט און שען אויף אַזוי פיעל, אַז ער האָט דערמאָנט אַ לבנה-נאַכט ערגעץ אין דרום, אויפ'ן ברעג פֿון ים, דאָ ס'זענען קיפּאַריסען און שוואַרצע שאָטענס פֿון זיי, האָט ער אין דער זעלבער צייט געוועקט אַ געפֿיהל פֿון געוואַלדיגער קראַפֿט, פֿון פֿעסטקייט, וואָס קאָן נישט איבערגעוועלטיגט ווערען, פֿון קאַלטער און העזה'דיגער טאַפּפערקייט. די העפֿליכקייט זעלבסט, מיט וועלכער ער האָט געגעבען קורצע און דייטליכע ענטפֿערן, האָט אויסגעזעהן געפֿעהרליך אין זיין מויל, אין זיין האַלב-בוקען זיך; און אויב אויף אַלע אַנדערע האָט דער אַרעסטאַנטען-חאַלאַט אויסגעזעהן ווי אומגע-לומפּערטע לצנות, איז אויף איהם איהם גאָר נישט געזעהן צו זעהן — אַזוי פֿרעמד איז געווען דאָס קלייד דעם מענשען. און האָטש ביי די אַנדערע טעראָריסטען האָט מען געפֿינען באָמבעס און טיוועל-מאַשינען, און ביי וו ע ר נ ע ר'ען נאָר אַ שוואַרצען רעוואָלווער, האָבען די שופֿטים פֿאַר עפּעס גערעכענט פֿאַר'ן הויפּט איהם, און האָבען זיך געווענדעט צו איהם מיט אַ געוויסער אַכטונג, אויך קורץ און געשעפֿטליך.

דער פֿאָלגענדער נאָך איהם, וואַסילי קאַשירין, איז איינ-גאַנצען בעשטאַנען פֿון איין אומאויפהערליכער, אונערטרעגליכער אימה פֿון טויט און מיט אַזאַ איינענעם געוואַלדיגען פֿערלאַנג איינהאַלטען די אימה און נישט אַרויסווייזען די די שופֿטים. פֿון אין דער פֿריה אָן, ווי מען האָט זיי אַוועקגעפֿיהרט אין געריכט, האָט איהם אָנגעהויבען שטיקען אַ האַסטיג האַרצקלאַפּעניש; אויפ'ן שטערן האָבען די גאַנצע צייט אַרויסגעטרעטען טראָפּענדלעך שווייס, אויך שווייסיג און קאַלט זענען געווען די הענט און ס'איז צוגעשטאַנען צום לייב, בינדענדיג זיינע בעוועגונגען, דאָס קאַלטע, שווייסיגע העמד. מיט איבערנאַטירליכע אַנשטרענגונג פֿון ווילען האָט ער געצוואונגען זיינע פֿינגער נישט צו ציטערן, די שטימע — זיין פֿעסט און דייטליך, די אויגען — רוהיג. אַרום

זיך האט ער גאר נישט געזעהן, די שטימען זענען געקומען צו איהם, ווי פון נעבעל, און צו דעם זעלבען נעבעל האט ער געשיקט זיינע געוואלדיגע אנשטרענגונגען — צו ענטפערן פיעט, צו ענטפערן הויך. נאר געענטפערט, האט ער גלייך פערגעסען ווי די פראגע, אזוי אויך זיין ענטפער, און האט ווידער שווייגענדיג און שרעקליך געראנגעלט זיך. און אזוי דייטליך איז ארויסגעטרעטען אין איהם דער טויט, אז די שופטים האבען מורא געהאט צו קוקען אויף איהם, און שווער איז געווען צו בעשטימען זיינע יאהרען, ווי ביי א טויטען קערפער, וואס האט שוין אנגעהויבען צו פוילען. לויט'ן פאספארט, ווידער, איז ער אלט געווען בסך הכל 23 יאהר. איין מאל צי צוויי מאל האט ווערנער שטיל אנגערירט מיט דער האנד זיין קניה, און יעדעס מאל האט יענער געענטפערט מיט איין ווארט:

— גאר נישט!

דאס שרעקליכסטע איז געווען פאר איהם, ווען עס האט איהם געחאפט פלוצים אן'אומערטרעגליכער פערלאנג צו שרייען — אהן ווערטער, מיט א בהמה'ישען יאושדיגען געשריי. דעמאלט האט ער זיך שטיל צוגערירט צו ווערנער'ען, און יענער, נישט אויפהויבענדיג די אויגען, האט איהם שטיל געענטפערט:

— גאר נישט, וואסיא. עס וועט זיך באלד ענדיגען.

און, אלע ארומנעמענדיג מיט דעם מוטערליכען, דאגה'דיגען אויג, איז אויסגעגאנגען אין אנגסט די פינסטע טעראריסטקע טאניא קאוואלטשוק. זי האט קיין מאל נישט געהאט קיין קינדער, זי איז געווען נאך זעהר יונג און רויטבעקיג, ווי סערגיי גאלאווין, נאר האט אויסגעזעהן ווי א מוטער פון די אלע מענשען: אזוי דאגה'דיג, אזוי אונענדליך־ליבענדיג זענען געווען אירע בליקען, שמייכעל, שרעקען. מיט דעם געריכט האט זי זיך גאר נישט גערעכענט, ווי מיט עפעס גאר זייטיגעס, און האט נאר זיך צוגעהערט, ווי ס'ענטפערן די אנדערע: ציטערט נישט די שטימע, שרעקט זיך נישט ווער, דארף מען נישט קיין וואסער.

אויף וואסיא'ן האט זי נישט געקאנט קוקען פון וועה און האט נאר שטילערהייט געבראכען אירע ווייכע פינגער; אויף מוסיא'ן און ווערנער'ן האט זי געקוקט מיט שטאלץ און כבוד און א מינע געמאכט אנערנסטע און פערקלערטע, און סערגיי גאלאוויני'ען האט זי אלץ זיך בעמיהט איבערגעבען איהר שמייכעל.

— טײַערער, קוקט אין הימעל. קוק, קוק, טײַבעלע, — האָט זי געטראַכט וועגען גאַלאָווין'ען.

— און וואַסיאַ? וואָס זשע איז דאָס, גאָטעניו, גאָטעניו... וואָס זשע זאָל איך מיט אים טאָן? וואָגען עפּעס — וועט נאָך ערגער זײַן: ער קאָן זיך נאָך צווײנען?

און אַזוי ווי בײַ דער מאַרגעריטקע אַ שטילעם וואַסער, וואָס שפּיגעלט אין זיך אָב יעדען לויפענדען וואָלקען, האָט זי אָבגעשפּיגעלט אויף איהר חײַנען, זיסען, גוטען געזיכט יעדעס נײַעס געפיהל, יעדען געדאַנק פון יענע פיער. פון דעם, אַז זי משפּט מען אויך און מען וועט אויך אויפהענגען, האָט זי גאָר נישט געקלערט — איז געווען טיף גלײַכגילטיג. בײַ איהר אין דער דירה האָט מען דאָס ענטדעקט דעם סקלאַד באָמבעס און דינאַמיט; און ווי מאָדנע דאָס איז נישט — דאָס האָט זי עס בעגעגענט די פּאָליציי מיט שאָסען און פערוואונדעט איין סישטשיק אין קאָפּ.

דער משפּט האָט זיך געענדיגט אַרום אַכט, ווען עס איז שוין טונקעל געוואָרען. ביסלעכווײַז האָט אויסגעלאָשען פאַר די אויגען פון מוסיאַ און סערגיי גאַלאָווין דער בלויער הימעל, נאָר נישט ראָזע געוואָרען איז ער, נישט אַ שמייכעל געטאָן האָט ער, ווי אין די זומער-אָבענדען, נאָר פערטריבט האָט ער זיך, פערגרויט, איז פּלוצים געוואָרען קאַלט און ווינטערדיג. גאַלאָווין האָט אָבגעזיפצט, האָט זיך אַ ציה געטאָן, האָט נאָך אַ מאָל צוויי אַ קוק געטאָן אין פענסטער, נאָר דאָרט איז שוין געשטאַנען אַ קאַלט נאַכט-פינצטערניש; און ווײַטער צופּענדיג דאָס בערדעל, האָט ער אָנגעהויבען מיט קינדישער נײַגיעריגקייט צו בעטראַכטען די שופטים, די סאָלדאַטען מיט די ביקסען, האָט אַ שמייכעל געטאָן צו טאַניאַ קאָוואַלטשוק. מוסיאַ ווידער, ווען דער הימעל האָט אויסגעלאָשען, האָט רוהיג, נישט אַראָבלאָזענדיג די אויגען אויף דר'ערד, איבערגעפיהרט זיי אין ווינקעל, וואו ס'האָט זיך שטיל געוויגט אַ שפּין-פערגעמעל אונטערן אונבעמערקבאַרען דראַנג פון לופט-בעוועגונג; און אַזוי איז זי געבליבען ביז צו דער ערקלערונג פון אורטייל.

נאָכ'ן אורטייל, געזעגענדיג זיך מיט די פערטיידיגער אין פראַקען, און אויסמײַדענדיג זייערע הילפלאָז-פערלוירענע, רחמנות'דיגע און שולדיגע אויגען, האָבען די בעשולדיגטע אויף אַ ווײַלע זיך געטראָפען אין דער טיר און האָבען זיך געוועקסעלט מיט קורצע פראַזען.

— גאָר־נישט, וואַסיאַ. ס׳וועט זיך גיך ענדיגען אַליין, — האָט געזאָגט ווערנער.

— ע, מיר איז גאָר נישט! — האָט הויך, רוהיג און אפילו ווי פריילאך געענטפערט קאַשירין. און ווירקליך, זיין געזיכט איז לייכט רויט געוואָרען און האָט שוין נישט אויסגעזעהן ווי דאָס פנים פון אַ טויטען קערפּער, וואָס פוילט.

— דער רוח זאָל זיי נעמען, האָבען דאָך טאַקי אויפגעהאנגען, — האָט נאַאיוו אַ זידעל געטון גאָלאָווין.

— אַזוי האָט מען טאַקי געדאַרפט רעכענען, — האָט געענטפערט ווערנער רוהיג.

— מאָרגען וועט דער אורטייל ערקלערט ווערען אין לעצטער פאָרם און מען וועט אונז אַוועקזעצען צוזאַמען, — האָט געזאָגט קאַוואַלטשוק, טרייסטענדיג. — ביז צום טויט־שטראָף וועלען מיר צוזאַמען זיצען.

מוסיא האָט געשוויגען. דערנאָך האָט זי ענטשלאָסען אָנגעהויבען געהן פאָראויס.

III.

מיך דאַרף מען נישט הענגען.

צוויי וואָכען פאַר דעם, ווי מען האָט געמשפט די טעראָריסטען, האָט דאָס זעלבע קריגס־געריכט, נאָר אין אַנדערן צוזאַמענשטעל, גע־משפט און פערורטיילט צו טויט־שטראָף דורך הענגען איוואַן יאַנסאָן, אַ פויער.

דער איוואַן יאַנסאָן איז געוועזען אַ פּאַראָבעק ביי אַ פערמענ־ליכען פערמער, און האָט זיך מיט גאָר נישט אונטערשיידעט פון אַנדערע אַזעלכע אַרבייטער־בחורים. געוועזען איז ער אַליין אַ עסט פון וועזענבערג, נאָר ביסלעכווייז אין משך פון עטליכע יאָהר, איבערגעהענדיג פון איין פערמע אין די צווייטע, האָט ער זיך צוגערוקט ביז צו דער רעזידענץ. רוסיש האָט ער גערעדט זעהר שלעכט, און ווייל זיין בעל־הבית איז געוועזען אַ רוס מיטן נאָמען לאַזאַרעוו, און קיין עסטען איז אַרום נישט געווען, האָט יאַנסאָן כמעט די גאַנצע צוויי יאָהר געשוויגען. ווי עס שיינט, איז ער אויך אים אַלגעמיין נישט געווען גענייגט צו רעדעוודיגקייט, און האָט

געשוויגען נישט נאר מיט מענשען, נאר אויך מיט בהמות: שווייגענדיג אנגעטרונקען דאס פערד, שווייגענדיג איינגעשפאנט עס, לאנגזאם און פויל בעוועגענדיג זיך ארום איהם מיט קליינינקע און זיכערע טריטעליך, און ווען דאס פערד — נישט־צופריעדען פון שווייגען — האט אנגעהויבען קאפריז צו זיין און דערטשעפען איהם, האט ער שווייגענדיג עס געשלאגען מיט'ן בייטש. געשלאגען האט ער עס אכזריות'דיג, מיט קאלטער און שלעכטער איינגעשפארטקייט, און אויב דאס פלעגט טרעפען דעמאלט, ווען ער איז געווען אין שווערען צושטאנד פון אויסניכטערן, איז ער דערגאנגען ביז וואוט. דעמאלט פלעגט ביז צום הויז דערגרייכען דאס פאטשען פון דער בייטש און דאס דערשראקענע, דראבנע וועהפולע קלאפען פון די קאפיטעס אויף דעם הילצערנעם פאל פון דער שטאל. דערפאר וואס יאנסאן שלאגט דאס פערד, פלעגט דער בעל־הבית איהם אליין שלאגען, נאר אויסבעסערן האט ער איהם נישט געקאנט, און האט טאקי אויפגעהערט.

איין מאל צוויי מאל אין חודש פלעגט יאנסאן זיך אנטרינקען, און געשעהען איז דאס געווענליך אין די טעג, ווען ער האט אבגעפיהרט דעם בעל־הבית אויף די גרויסע אייזענבאהן־סטאנציע, וואו ס'איז געווען א בופעט. אראבזעצענדיג דעם בעל־הבית, פלעגט ער אבפאהרען אויף א האלבע ווערסט פון דער סטאנציע און דארט, אריינרוקענדיג אין שניי אריין אן א זייט פון וועג דעם שליטען און דאס פערד, איבערווארטען, ביז דער צוג איז אבגעגאנגען. דער שליטען איז געשטאנען אנגעבויגען, כמעט געלעגען, דאס פערד איז ביז צום בויך געזונקען אין בארג שניי מיט די צושפרייטע פיס און ווען־נישט־ווען געצויגען די מארדע אראב, אלעק צו טון דעם ווייכען שניי, און יאנסאן איז האלב־געלעגען אין אונבעקוועמער פאזע אויפ'ן שליטען און האט ווי געדרימעלט. די אויפגעבונדענע אויערן פון זיין אבגעקראכען פוטערן היטעל זענען אנמעכטיג אראבגעהאנגען ווי די אויערן ביי א יאגד־הונד, און פייכט איז געווען אונטערן קליינינקען רויטליכען נעזעלע.

דערנאך פלעגט ער צוריקקעהרען אויף די סטאנציע און זיך גיך אנטרינקען.

צוריק אויף דער פערמע, אלע צעהן ווערסט, האט ער זיך געטראגען אין גאלאפ. צושלאגען, געבראכט ביז צו טויטשרעק האט דאס פערדעל געשפרינגען מיט אלע פיער פיס, ווי א משוגע'נער, דער שליטען האט זיך צויאגט, האט זיך אנגעבויגען, האט זיך אנגע־

שלאָגען אָן די סלופּעס, און יאַנסאָן, אַראָבגעלאָזט די לייצעס זיין יעדע מינוט כמעט אַרויספאַלענדיג פון שליטען, האָט צו געזינגען צו אויסגעשריגען עפּיס אויף עסטיש מיט אָבגעריסענע, בלינדע פראַזען. און עפטער האָט ער אַפילו נישט געזינגען, נאָר שווייגענדיג, פאַרקלעמט צונויפגעדריקט די ציין, פאַרפלייצט פון עפּיס אַמאָן וואוּט, ליידען און ענטציקונג, האָט ער זיך געטראָגען פאָרויס און איז געווען ווי בלינד: זאָט נישט געזעהען די בעגעגענטע, האָט נישט מתודה געווען, נישט איינגעהאַלטען דעם ווילדען לויף נישט ביים פערקערעווען, נישט באַרג־אַראָב. ווי ער איז נישט איבערגעפאָהרען עמיצען, ווי ער איז אַליין נישט נהרג געוואָרען אויף טויט אין איינער פון אַזעלכע ווילדע רייזען, איז געווען אונפערשטענדליך.

איהם איז שוין לאַנג צייט געווען אַרויסטרייבען, ווי מען האָט איהם אַרויסגעטריבען אויך פון אַנדערע ערטער, נאָר ער איז געווען ביליג און אַנדערע אַרבייטער זענען געווען נישט בעסער, און אַזוי איז ער פערבליבען צוויי יאָהר. קיין געשעהעניש איז כלל נישט געווען אין יאַנסאָנ'ס לעבען. איינמאָל האָט ער ערהאַלטען אַ בריעף אויף עסטיש, נאָר ווייל ער אַליין האָט נישט געקענט לייענען, און אַנדערע האָבען קיין עסטיש נישט פערשטאַנען, איז דער בריעף טאַקי פערבליבען נישט אַדורכגעלעזען; און מיט אַ ווילדער, פאַנאַטישער גלייכגילטיגקייט, גלייך ווי נישט פערשטעהענדיג, אַז דער בליעף ברענגט נאַכריכטען פון דר'היים, האָט יאַנסאָן איהם אַוועקגעוואָרפען אין מיסט. געמאַכט האָט יאַנסאָן אויך אַ פּראָבע זיך צוצורוקען צו דער קעכין, בענקענדיג ווי עס שיינט נאָך אַ פרוי, נאָר קיין ערפאָלג האָט ער נישט געהאַט און איז געוואָרען גראָב אָבגעשטופּט און אויסגעלאַכט: געווען איז ער קליינוואוקסיג, שטשופּלע, אַ פּנים האָט ער געהאַט אַ קליינדיגס, דראָבנע און שלעפעריגע אויגעלעך פון שמוציגען פלאַש־קאָליר. און די מפּלה האָט יאַנסאָן אָנגענומען גלייכגילטיג און מעהר צו דער קעכין נישט צוגעשטאַנען.

נאָר, רעדענדיג ווייניג, האָט יאַנסאָן די גאַנצע צייט זיך צו עפּיס צוגעהערט. געהערט האָט ער אי דאָס אומעטיגע שנייאיגע פעלד מיט די בערגעלעך פערגליווערט מיסט, ענליכע צו אַ שורה קליינע מיט שניי פערטראָגענע קברים; אי די בלויע זאַנפטע רויטען, אי די זשומענדיגע טעלעגראַפען־סלופּעס — אי די געשפּרעכען פון מענשען. וואָס דאָס פעלד און די טעלעגראַפען־סלופּעס האָבען איהם

געזאָגט, האָט געוואוסט נאָר ער איינער, און די געשפּרעכען פון מענ־שען זענען געווען אונרוהיג, פול מיט קלאַנגען וועגען רציחות, רויבע־רייען, אונטערצינדונגען. און געהערט האָט מען איינמאָל ביינאַכט, ווי אין שכנ׳דיגען דערפעל האָט שיטער און הילפליז געציטערט אויף דער קירכע דער קליינער גלאָק, ענהליכער צו אַ גלעקיל, און ס׳האָט געקראַכט דער פלאַם פון דער שׂרפה: דאָס האָט אַן אָנגעפיהרטע חברה בעראַ־בעוועט אַ רייכע פערמע, דעם בעל־הבית און זיין ווייב דערהרגעט און דאָס הויז אונטערגעצונדען.

אויך אויף זייער פערמע האָט מען געלעבט אונרוהיג: נישט נאָר ביי נאַכט, נאָר אויך ביי טאָג האָט מען אָבגעלאָזט די הינט, און דער בעל־הבית האָט ביי נאַכט געלעגט נעבען זיך אַ ביקס. אזא איינענע ביקס, נאָר אַ פּראָסטערע און אַנאַלטע, האָט ער געוואָלט געבען יאַנ־סאָן׳ען, נאָר יענער האָט אַ דרעה געטון די ביקס אין די הענד, האָט אַ שאָקעל געטון מיט׳ן קאָפּ און האָט זיך אָבגעזאָגט. דער בעל־הבית האָט נישט פערשטאַנען די סבה פון אָבזאָג און האָט אויסגעווידעלט יאַנסאָן׳ען, און די סבה איז געווען די, אַז יאַנסאָן האָט מעהר געגלויבט אין כח פון זיין פינער מעסער, ווי דעם דאָזיגען אַלטען פערזשאַווערטען אַנטיק.

— זי וועט מיך אַליין דערהרגענען, — האָט געזאָגט יאַנסאָן, שלעפעריג קוקענדיג אויפ׳ן בעל־הבית מיט גלעזערנע אויגעלעך. און דער בעל־הבית האָט יאָוש׳דיג אַ מאַך געטון מיט דער האַנד:

— נו, איוואַן, ביסט שוין איין מאָל אַ שוטה. אָט גאָה לעב מיט אַזעלכע אַרבייטער!

און אָט דער זעלבער יאַנסאָן, וועלכער האָט נישט געהאַט קיין צוטרוי צו אַ ביקס, האָט אין איין ווינטער־אָבענד, ווען דעם אַנדערן אַרבייטער האָט מען אַוועקגעשיקט אויף די סטאַנציע, געמאַכט זעהר אַ קאָמפּליצירטע אָנפאַל־פּראַצע: פון אַ בעוואָפענטע רויבערייע, פון אַ מאָרד און פון שענדען אַ פרויענצימער. געטון האָט ער דאָס עפּיס מערקווירדיג־איינפאַך: האָט פערמאַכט די קעכין אין קיך, איז פויל ווי אַ מענש, וועלכען ס׳ווילט זיך שטערבליך שלאָפען, צוגעגאַנגען פון הינטען צום בעל־הבית און שנעל, איינס נאָכ׳ן אַנדערען, אידם אַ הייק נעגעבען מיט׳ן מעסער אין רוקען. דער בעל־הבית איז פערחלשט אומ־געפאַלען, די בעל־הבית׳טע האָט זיך אָנגעהויבען צו וואַרפען און גוי־וואַלדעווען, און יאַנסאָן, שטשערענדיג די ציין און פאַכענדיג מיט׳ן

מעסער, האט אנגעהויבען איבערגראבען די קופערס און די קאמאדען. האט געפונען דאס געלד, און דערנאך ווי צום ערשטען מאל דערזעהען די בעל־הבית'טע און, אונגעדווארטעט פאר זיך אליין, ארויפגעווארפען זיך אויף איהר, זי צו שענדען. נאר ווייל דאס מעסער האט ער דערביי פערלוירען, האט די בעל־הבית'טע גובר געווען און האט נישט נאר נישט דערלאזט זיך מאנס צו זיין, נאר האט איהם שיעור נישט דער־שטיקט. און דא האט זיך אנגעהויבען דער בעל־הבית צו בעוועגען אויף דער פאדלאגע, די קעכען האט אנגעהויבען צו דונערן מיט דער קא־צערי, אויסהאקענדיג די קיך־טהיר, און יאנסאן איז אנטלאפען אין פעלד. געחאפט האט מען איהם זיין א שעה ארום, ווען ער איז געזעסען אויף די קניהען הינטער דער שאפע, אנגעצונדען איינע נאך דער אנדערער שוועבעלעך, וועלכע זענען גלייך פערלאשען געווארען, און געוואלט אונטערצינדען דעם בנין.

אין עטליכע טעג ארום איז דער בעל־הבית געשטארבען פון בלוט־פערגיפטונג, און יאנסאנען, ווען ס'איז געקומען צו איהם אין דער רייהע פון אנדערע רויבער און מערדערס, האט מען געמשפט און פעראורטיילט צו טויטשטראף. אין געריכט איז ער געווען דער זעלבער, ווי שטענדיג: קליין, שטשופלע, מיט קלייען, מיט גלעזערנע שלעפעריגע אייגעלעך. ער האט ווי עס שיינט, נישט אינגאנצען פערשטאנען דאס, וואס קומט פאר איהם פאר, און איז געווען אויסערליך פאלקאם גלייכ־גילטיג: האט געפינטעלט מיט די ווייסע וויעס, שטומפיג, אהן נייגי־ריגקייט, בעטראכט דעם אונבעקאנטען אימפאזאנטען זאל און האט גע־דלובעט אין דער נאז מיט דעם הארטען, פערשטארטען פינגער, וואס האט זיך שוין נישט געבויגען. נאר יענע, וואס האבען איהם אמאל געזעהען זונטאג אין קירכע, וואלטען געקאנט זיך אנשטויסען, אז ער האט זיך א ביסעל אויסגעפוצט: אנגעטון אויפ'ן האלז א געשטריקטען, שמוציג־רויטען שאליק און וואו־ניט־וואו בענעצט די האר אויפ'ן קאפ; און דארט וואו די האר זענען געווען בענעצט, זענען זיי געווען טונקעלער און געלעגען גלייך, און אויף דער אנדערער זייט האבען גע־שטעקט העלע און זעלטענע לאקלעך ווי שטרויעלעך אויף א נ'ארימען פון האגעל דערשלאגענעם פעלד.

ווען מען האט ערקלערט דעם פסק־דין: צו טויטשטראף דורך הענגען, האט יאנסאן פלוצים זיך אויפגערעגט. ער איז געדעכט רויט געווארען און האט אנגעהויבען פערבינדען און אויפבינדען דעם שאל־

ליִק, גלײַך ווי ער וואָלט איהם געשטיקט. דערנאָך אומגעלומפּערט גע־מאַכט מיט די הענד און געזאָגט, ווענדענדיג זיך צום ריכטער, וועלכער האָט נישט געלייענט דעם אורטייל, און ווײַזענדיג מיט׳ן פינגער אויף דעם, וועלכער האָט געלייענט:

— זי האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף מיך הענגען.

— וואָס פאַר אַ „זי״? — האָט גראָב, מיט אַ באַס, געפרעגט דער פּאָרזיצענדער, וועלכער האָט געלייענט דעם אורטייל. אַלע האָבען אָנגע־הויבען שמייכלען, בעהאַלטענדיג די שמייכלען אונטער די וואָנסען און די פּאַפּירען, און יאַנסאָן האָט אָנגעוויזען מיט׳ן פינגער אויפ׳ן פאָרזיצענדען און בייז, ברוגז געענטפערט:

— דו!

— נו?

יאַנסאָן האָט ווידער אָנגעשטעלט די אויגען אין דעם שווײַ־גענדיגען, אײַנגעהאַלטענעם־שמייכלענדיגען שופט, אין וועלכען ער האָט געפיהלט אַ פרײַנד און אַ מענשען, וואָס האָט צום אורטייל קיין שום שייכות נישט, און האָט איבערגע׳חזר׳ט:

— זי האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף מיך הענגען.

מען דאַרף מיך נישט הענגען.

— פיהרט אַרויס דעם בעשולדיגטען.

נאָר יאַנסאָן האָט בעוויזען נאָך אַ מאָל איבערצײַגענד און פעסט איבערצו׳חזר׳ן:

— מען דאַרף מיך נישט הענגען.

ער איז אַזוי אומגעלומפּערט געווען מיט זײַן קליין געזיכט, וועל־כעס ער האָט אומזיסט זיך בעמיהט מאַכען ערנסט, מיט זײַן אויסגע־שטרעקטען פינגער, אַז אַפילו דער וואַך־סאָלדאַט, געגען די תקנות, האָט איהם געזאָגט שטילערהייד, אַרויספיהרענדיג פון זאַל:

— נו, ביסט דו עס אַ שוטה, יונגער־מאַנטשיק.

— מען דאַרף מיך נישט הענגען, — האָט אײַנגעשפּאַרט איבער־גע׳חזר׳ט יאַנסאָן.

— אַי וועט מען דיך אַרויפציהען, וועסט ניט בעווײַזען אַ דריי צו טון.

— נו־נו, האַלט ס׳מויל! — האָט בייז אַ געשריי געטון דער צווייטער וואַך־סאָלדאַט. נאָר האָט אַליין נישט אויסגעהאַלטען און האָט צוגעגעבען:

— אויך מיר אַ רוֹיבער! פֿאַר וואָס, שוטה, אַ מענשליכע נשמה אומגעבראַכט? אָט איצט גייט הענג אַ בּיסעל.

— אפשר וועט מען בּעגנעדיגען? — האָט געזאָגט דער ערשטער סאָלדאַט, וועלכער האָט רחמנות געקריגען אויף יאַנסאָנען.

— וואָס דען! אַזעלכע בּעגנעדיגען... נו, גענוג, אָבּגערעדט.

נאָר יאַנסאָן האָט שוין געשוויגען. און ווידער האָט מען איהם אַריינגעזעצט אין דעם קאַמעראַט, אין וועלכען ער איז שוין געזעסען אַ חודש און צו וועלכען ער איז שוין געוועהנט געוואָרען, אַזוי ווי ער פֿלעגט געוועהנט ווערען צו אַלעם: צו די קלעפּ, צום בּראַנפֿען, צו דעם אומענדיגען שניי־איגען פֿעלד, בּעדעקטען מיט קליינינקע בּערגעלעך, ווי אַ בּית־עלמון. און איצט איז איהם זאָגאַר פֿריילעך געוואָרען, ווען ער האָט דערזעהען זיין בּעט, זיין פֿענסטער מיט דער קראַטע און מען האָט איהם געגעבּען צו עסען — פֿון אין דער פֿריה אָן האָט ער גאָר נישט געגעסען. אונאַנגענעהם איז געווען נאָר דאָס, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין געריכט, נאָר טראַכטען וועגען דעם האָט ער נישט געקאָנט, נישט געקענט. און דעם טויט דורך הענגען האָט ער זיך גאָר נישט פֿאָרגעשטעלט.

האָטש יאַנסאָן איז געווען פֿערמשפּט צום טויט, נאָר אַזעלכע, ווי ער, איז געווען אַ סך, און פֿאַר קיין וויכטיגען פֿערבּרעכער האָט מען איהם אין טורמע נישט גערעכענט. דערפֿאַר האָט מען מיט איהם גערעדט אָהן פֿורכט, און אָהן אַכטונג, ווי מיט יעדען אַנדערען, וועמען ס'שטעהט נישט פֿאָר דער טויט. גלייך ווי מען וואָלט נישט גערעכענט זיין טויט פֿאַר אַ טויט. דער וועכטער, דערוויסענדיג זיך פֿונ'ם אורטייל, האָט איהם געזאָגט מוסר'נדיג:

— וואָס, בּרודער? געהאַנגען!

— און ווען וועט מען מיך הענגען? — האָט ווי נישט גלויבּענדיג געפֿרעגט יאַנסאָן. דער וועכטער האָט זיך פֿאַרטראַכט.

— נו, דאָס, בּרודער, וועסטו מוזען צוואַרטען. בּיז מען וועט נישט צונויפֿשטעלען אַ פּאַרטיי. פֿאַר איינעם, און נאָך אַזעלכען, טויג אפילו נישט זיך צו מיהען. דאָ דאַרף מען זיך צוגרייטען.

— נו, און ווען? — האָט איינגעשפּאַרט איבּערגעפֿרעגט יאַנסאָן. ער האָט זיך גאָר נישט געפֿיהלט בּעליידיגט. וואָס איהם אַליין איז אפילו הענגען נישט כדאי, — ער האָט נישט געגלויבּט, האָט דאָס געהאַלטען פֿאַר אַ תירוץ אָבּצולעגען דעם טויטשטראָף און דערנאָך

איהם אינגאַנצען בטל מאַכען. און פּריילוך איז געוואָרען: דער אוּנ־דיישליכער און שרעקליכער מאָמענט, פון וועלכען מען קאָן נישט טראַכ־טען, האָט זיך אָבגערוקט ערגיץ־ווייט, איז געוואָרען פאַרבעלדהאַפט און אונגלויבליג, ווי יעדער טויט.

— ווען, ווען! — האָט זיך צובייזערט דער וועכטער, אַנאַלטער, אַ שטומפּיגער און מרה־שחורה׳דיגער. — דאָס איז דיר נישט אַ הונט אויפצורעגען, — אַוועקגעפירט הינטער די שאָפע, איינס, און פאַר־טיג. און דו וואָלסט מאַכן אַזוי געוואַלט, טפּש!

— און איך וויל נישט! — האָט פלוצים פריילוך זיך צונויפגעקנייטשט יאַנסאָן. — דאָס האָט זי געזאָגט, אַז מען דאַרף מיך הענגען, און איך וויל נישט!

און, פּיעלייכט, דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען האָט ער זיך צולאַכט: מיט אַ סקריפּעדיגען, אומגעלומפּערטען, נאָר שרעקליך פריי־ליכען און שאַלענדען געלעכטער. גלייך ווי אַ גאַנז וואָלט זיך צושריגען: גאַ־גאַ־גאַ! דער וועכטער האָט מיט פערוואונדערונג אַ קוק געטון אויף איהם, דערנאָך שטרענג פערחמאַרעט געוואָרען: די אומגעלומפּערטע פרייד פון אַ מענשען, וועלכען מען דאַרף אומברענגען, האָט בעליידיגט די טורמע און דעם טויט־שטראָף זעלבסט און געמאַכט זיי פאַר עפּעס זעהר משונה׳דיגעס. און פלוצים אויף איין אויגענבליק, אויף דעם סאַמע קורצסטען אויגענבליק, האָט דעם אַלטען וועכטער, וואָס האָט דאָס גאַנצע לעבען פערבראַכט אין טורמע און אירע תקנות אַנערקענט ווי פאַר געזעצען פון דער נאַטור — אָנגעהויבען זיך אויסווייזען אַז אי די טורמע און דאָס גאַנצע לעבען עפּעס ווי אַ דולהויז, וואו ער, דער וועכטער, איז טאַקי דער הויפּט־משוגע׳נער.

— טפו אויף דיר! — האָט ער אויסגעשפּיגען. — וואָס שטשע־רעסטו די ציין, דאָ איז דיר נישט קיין שענק!

— און איך וויל נישט — גאַ־גאַ־גאַ! — האָט געלאַכט יאַנסאָן.

— שטן! — האָט געזאָגט דער וועכטער, פיהלענדיג אַ בעדער־פעניש זיך איבערצוצלמ׳ען.

וועניגער פון אַלץ איז געווען עהנליך צום שטן אָט דאָס מענ־שעלע מיט קליינינקען, פערוועלקטען פּנים׳ל, נאָר געווען איז אין זיין געגזענעם גרעגערייַ עפּעס אַזעלכעס, וואָס האָט פערניכטעט די קדושה און פעסטקייט פון דער טורמע. לאָז ער נאָך אַ ביסעל אַלאַך טון־און אָט וועלען זיך צושיטען צופוילט די ווענט, און סוועלען אַיינ

פאלען די צושמאלצענע קראטעס, און דער וועכטער וועט אליין ארויספיהרען די ארעסטאנטען פונ'ם טויער: ביטע, מיינע העררן, שפאצירט זיך איבער דער שטאדט — און, פיעלייכט, וויל עמיצער אין דארף אריין? שטן!

נאר יאנסאן האט שוין אויפגעהערט צו לאכען און האט נאך שעלמיש געמרישעט די אויגען.

— נו־נו! — האט געזאגט דער וועכטער מיט אנ'אונבעשטימטער דראהונג און איז אוועקגעגאנגען, אומקוקענדיג זיך.

דעם גאנצען אבענד איז יאנסאן געווען רוהיג און זאגאר פריילי. ער האט אליין איבערגעחזר'ט די געזאגטע פראזע: מען דארף מיך נישט הענגען, און זי איז געווען אזוי איבערצייגענד, קלוג, אונבעשטרייטבאר, אז עס איז נישט כדאי געווען וועגען עפעס צו דאגה'ען. פון זיין פערברעכען האט ער שוין לאנג פערגעסען און נאר ווען־ניט־ווען האט ער געזשאלעוועט, וואס ס'איז נישט געלונגען מאנס צו זיין די בעל־הבית'טע. נאר גיך האט ער פון דעם אויך פערגעסען.

— יעדען פריהמארגען האט יאנסאן געפרעגט, ווען וועט מען איהם הענגען, און יעדען פריהמארגען האט דער וועכטער בייז געענטפערט:

— האסט נאך צייט, שטן. זיץ נאך א ביסעל! — און פלעגט אוועקגעהן וואס גיכער, עהדער יאנסאן האט נאך בעוויזען זיך צוצולאכען.

און פון די מאנאטאנישע זיך איבערחזר'נדיגע ווערטער, און דערפון, וואס יעדער טאג האט זיך אנגעהויבען, איז דורכגעגאנגען, און האט זיך געענדיגט, ווי יעדער געוועהנליכער טאג, איז יאנסאן פעסט איבערצייגט געווארען, אז קיין שום טויטשטראף וועט נישט זיין. זעהר גיך האט ער אנגעהויבען צו פערגעסען פון משפט, און גאנצע טעג זיך געוואלגערט אויף דעם טאפטשאן, אונבעשטימט און פריילי טרוימענדיג פון די אומעטיגע, שנייאיגע פעלדער מיט זייערע בערגעלעך, פון סמאנציע־בוימער, פון עפעס נאך מעהר ווייטעס און ליכטיגעס. אין טורמע האט מען איהם זעהר גוט געשפייזט, און עפעס זעהר גיך, אין עטליכע טעג, איז ער דיקער געווארען און האט אנגעהויבען א ביסעל צו שטאלצירען.

„איצט וואלט זי מיך אזוי אויך ליב געקריגען", האט ער א מאל א טראכט געגעבען וועגען זיין בעל־הבית'טע. — „איצט בין איך א דיקער, נישט ערגער פונ'ם בעל־הבית".

און אַ טרינק בראָנפֿען האָט זיך ווידער געוואָלט — אַ טרינק בראָנפֿען און ניך, גיך זיך אַדורכפֿאָהרען מיט'ן פֿערדעל.

ווען מען האָט אַרעסטירט די טעראָריסטען, איז די ידיעה דערפֿון דערגאַנגען אין טורמע אַריין; און, אויף די געוועהנליכע פֿראַגע יאַנסאָנס, האָט דער וועכטער פּלוצים אונגערוואַרטעט און תּילד געענטפֿערט:

— איצט ניך.

האָט געקוקט אויף איהם רוהיג און ערנסט און געזאָגט:

— איצט ניך. כ'דענק, אַזוי אין אַ וואָך אַרום.

יאַנסאָן איז בלייך געוואָרען און ווי אינגאַנצען איינשלאָפֿענדיג, אַזוי מוטנע איז געווען דער בליק פֿון זיינע גלעזערנע אויגען, האָט ער געפֿרעגט:

— דו טרייבסט קאַטאָוועס?

— דאָ זיך נישט געקאָנט דערוואַרטען, און דאָ „טרייבסט קאַטאָוועס". דאָס האָט איהר ליב קאַטאָוועס צו טרייבען, און ביי אונז געהט נישט קיין קאַטאָוועס, — האָט געזאָגט דער וועכטער מיט ווירדע און איז אַוועקגעגאַנגען.

שוין צום אָבענד פֿון דעם טאָג איז יאַנסאָן אָבגעפֿאַלען. זיין הויט, וואָס האָט זיך שוין אויסגעגלייכט און איז גלאַט געוואָרען, האָט זיך פּלוצים צונויפֿגעקליבען אין אַ מענגע קלייניגקע קנייטשעלעך, וואו-ניט-וואו האָט זי זאָגאַר אָנגעהויבען ווי נאָכהענגען. די אייגעלעך זענען געוואָרען גאָר שלעפֿעריג, און אַלע בעוועגונגען אַזוי לאַנגזאַם און פֿויל, גלייך ווי יעדער קער מיט'ן קאָפּ, בעוועגונג פֿון די פֿינגער, טריט מיט'ן פֿוס וואָלט געווען אַזאַ פֿערוויקעלטע און שווערע אונטערנעהמונג, וועלכע מען דאַרף פֿריהער ווידער לאַנג בעטראַכטען. ביינאַכט האָט ער זיך געלעגט אויף דעם טאַפּטשאַן, נאָר די אויגען נישט פֿערמאַכט, און אַזוי, שלעפֿעריגע, זענען זיי ביז אין דער פֿריה געבליבען אָפֿען.

— אַהאַ! — האָט געזאָגט דער וועכטער מיט פֿערגנוגען, דערזעהענדיג איהם אויפֿ'ן אַנדערן טאָג. — דאָ איז דיר, פֿריינד מיינער, נישט קיין שענק.

מיט געפֿיהל פֿון אַנגענעהמער צופֿרידענהייט, ווי אַ געלעהרטער, וועלכען ס'איז ווידער געראָטען זיין עקספּערימענט, האָט ער פֿון קאָפּ ביז פֿיס, אויפֿמערקזאַם און גענוי בעקוקט דעם פֿאַראורטיילטען!

איצט ווי אַלין געהן, ווי ס'דאַרף צו זיין. דער שטן איז ערנידריגט, ס'איז וצדיקגעשטעלט די הייליגקייט פון טורמע און פון טויטשטראָף — און זיך, אפילו ערנסט רחמנות האָבענדיג, האָט דער אַלטער אָנגעפרעגט:

— ווען וועסטו זיך מיט עמיצען צו גיין?

— צו וואָס וועהן זיך?

— נו, געזעגענען זיך. אַ מוטער, למשל, צי אַ ברודער.

— מען דאַרף מיך נישט העגגען, — האָט שטיל געזאָגט יאַנסאָן און האָט פון דער זייט אַ בליק געוואָרפען אויפ'ן וועכטער. — איך וויל נישט.

דער וועכטער האָט אַ קוק געטון — און האָט שווייגענדיג אַ מאַך געטון מיט דער האַנד.

אָבענד צו האָט יאַנסאָן זיך עטוואָס בערוהיגט. דער טאָג איז געווען אַזא געוועהנליכער, אַזוי געוועהנליך האָט געלויכטען די זאַלקענדיגע, ווינטערדיגע זון, אַזוי געוועהנליך האָבען געהילכט אין קאָרידאָר די טריט און עמיצענס געשעפטליכער געשפרעך, אַזוי געוועהנליך און נאַטירליך און נאָרמאַל האָט געשמעקט דער באָרשטש פון זויערקרויט, אַז ער האָט ווידער אויפגעהערט צו גלויבען אין טויטשטראָף. נאָר צו דער נאַכט צו איז געוואָרען שרעקליך. פריהער האָט יאַנסאָן געשפירט די נאַכט איינפאַך, ווי פינסטערניש ווי אַ בעזונדערע פינסטערע צייט, ווען מען בעדאַרף שלאָפען, נאָר איצט האָט ער דערפיהלט איהר געהיימניספוּלען און גרויעלהאַפטען עצם. אום נישט צו גלויבען אין טויט, דאַרף מען זעהען און הערען אַרום זיך געוועהנליכעס: טריט, שטימען, ליכט, באָרשטש פון זויערקרויט, און איצט איז אַלין געווען אויסערגעוועהנליכעס, און די שטילקייט און דאָס פינסטערניש זענען שוין אַן און פאַר זיך געווען ווי דער טויט.

און וואָס ווייטער עס האָט זיך געצויגען די נאַכט, אַלץ שרעקליכער איז געוואָרען. מיט דער נאַאיוויטעט פון אַ ווילדען אָדער פון אַ קינד, וועלכע האַלטען פאַר מעגליך אַלץ, האָט זיך יאַנסאָנ'ען געוואָלט אַ געשריי טאָן דער זון: לייכט! און ער האָט געבעטען, געחלש'ט, אַז די זון זאָל לייכטען, נאָר די נאַכט האָט אָהן אויפהער געשלעפט איבער דער ערד איהרע שוואַרצע שעהען און נישט געווען איז קיין קראַפט, וועלכע זאָל קאָנען אָפשטעלען איהר פלוס. און די אונמעגליכקייט, וועלכע האָט זיך צום ערשטען מאָל אַזוי קלאָר פאַרגעשטעלט דעם שוואַכען מוח יאַנסאָנ'ס, האָט איהם אָנגעפילט מיט

אימה: נאָך נישט וואַגענדיג קלאָר דאָס צו דערפֿיהלען, האָט ער שוין פֿערנומען מיט'ן שכל די אונפֿערמיידליכקייט פֿון נאָהענטען טויט — פֿון דעם אָבשטאַרבענדען פֿוס אַרויפֿגעשטעלט אויפֿ'ן ערשטען שטאַפּעל פֿון דער תליה.

דער טאָג האָט איהם ווידער בערוהיגט, און די נאַכט ווידער אָנגעשרעקט און אַזוי איז געווען ביז דער נאַכט, ווען ער האָט אי בעגריפֿען, אי דערפֿיהלט, אַז דער טויט איז אונפֿערמיידליך און וועט קומען אין דריי טעג אַרום, מיט דער מאָרגענרייטע, ווען ס'וועט אויפֿשטעהן די זון.

ער האָט קיינמאָל נישט געטראַכט פֿון דעם, וואָס איז דער טויט, און קיין בילד האָט פֿאַר איהם דער טויט נישט געהאַט, — נאָר איצט האָט ער דערפֿיהלט קלאָר, דערזעהן, דערשפּירט, אַז ער איז אַריינגעקומען אין קאַזעמאַט, און זוכט איהם, טאַפּענדיג מיט די הענד. און, ראַטעוועדיג זיך פֿון איהם, האָט ער אָנגעהויבען צו לויפֿען איבער'ן קאַזעמאַט.

נאָר דער קאַזעמאַט איז געווען אַזאַ קליינער, אַז, דאַכט זיך, נישט שאַרפֿע, נאָר שטומפּיגע ווינקלען זענען אין איהם און אַלע שטופּען זיי איהם אין־דער־מיט אַריין. און נישטאָ זיך הינטער וואָס צו בעהאַלטען. און די טיר איז פֿערשלאָסען. און ס'איז ליכטיג. עטליכע מאָל, שווייגענדיג, האָט ער זיך אָנגעשלאָגען מיט'ן קערפּער אָן די ווענט, איינמאָל זיך אָנגעקלאַפּט אָן דער טיר — שטומפּיג און ליידיג. האָט זיך פֿערשטעפּט אָן עפּעס און איז אומגעפֿאַלען מיט'ן פּנים אַראָב, און דאָ האָט ער דערפֿיהלט, אַז „ער“ האַפּט איהם. און ליגענדיג אויפֿ'ן בויך, צוגעקלעבט צום פּאָל, בעהאַלטענדיג דאָס פּנים אין זיין טונקעלען שמוציגען אַספֿאַלט, האָט יאַנסאָן אָנגעהויבען צו געוואַלדעווען פֿון אימה. געלעגען איז ער און געשריגען אויפֿ'ן גאַנצען קול, ביז מען איז נישט געקומען. און ווען מען האָט איהם שוין אויפֿגעהויבען פֿון פּאָל און אַנידערגעזעצט אויפֿ'ן טאַפּטשאַן און אויסגעגאָסען אויף קאָפּ קאַלטע וואַסער, האָט יאַנסאָן אַלץ נאָך נישט ענטשלאָסען זיך צו עפֿענען די פֿעסט־פֿערמאַכטע אויגען. וועט עפֿנען איינס, וועט דערזעהן אַ ליכטיג ליידיג ווינקעל אָדער עמיצענס שטיוועל אין ליידיגקייט און וועט ווידער אָנהויבען צו שרייען.

נאָר די קאַלטע וואַסער האָט אָנגעהויבען צו ווירקען. געהאָלפֿען האָט אויך דאָס וואָס דער דעזשור וועכטער, אַלץ דער זעלבער אַלטער

מאָן, האָט עטליכע מאָל מעדיצינישׂ אַ קלאַפּ געטון יאַנסאַנ׳ען אי־
בערן קאָפּ. און דאָס דערשפּירען פֿון לעבען האָט ווירקליך פֿאַר־
טריבען דעם טויט, און יאַנסאָן האָט געעפֿענט די אויגען, און דעם
איבריגען שטיק נאַכט, מיט צומישטע געהירן, שטאַרק אַדורכגעשׂ׳אַ־
טען. איז געלעגען אויפֿן רוקען, מיט אַנ׳אָפֿענעם מויל, און האָט הויך,
שׂווערצוינגען געחראַפּעט; און צווישען די ניט פֿעסט צוגעמאַכטע ברי־
מען האָט זיך געוויזט אַ פֿלאַטשיקעס און טויטעס אויג אָהן אַ שוואַרצ־
אַפּעל.

און ווייטער איז אַלץ אין דער וועלט, אי טאָג, אי נאַכט, אי
טריט, אי שטימען, אי באָרשטש פֿון זויער קרויט געוואָרען פֿאַר איהם
איין אימה, איהם אַריינגעוואָרפֿען אין צושטאַנד פֿון ווילדער, מיט גאָר
ניט פֿערגלייכבארער ערשטוינונג. זיין שוואַכער געדאַנק האָט ניט
געקאָנט צונויפֿבינדען די צוויי פֿאָרשטעלונגען, וועלכע האָבען אַזוי
אונגעהויער ווידערשפּרעכט איינע דער אַנדערער: פֿון נאָרמאַל־ליכ־
טיגען טאָג, פֿון ריח און טעם פֿון זויער קרויט — און פֿון דעם, אַז
אין צוויי טעג אַרום, אין אַ טאָג אַרום מוז ער שטאַרבען. ער האָט גאָר
ניט געטראַכט, ער האָט אַפֿילו ניט געצעהלט די שטונדען, נאָר איז
פשוט געשטאַנען אין שטומער אימה פֿאַר דעם ווידערשפּרוך, וועל־
כער האָט צוריסען זיין מח אויף צוויי טיילען; און געוואָרען איז ער
גלייך־בלאַס, ניט חייסער, ניט רויטער, און האָט אויסערליך אויסגעזע־
הען זעהר רוהיג. נאָר האָט גאָר ניט געגעסען און נאָר אויפֿגעהערט צו
שלאָפֿען: אָדער אַ גאַנצע נאַכט — די פֿיס דערשראָקען אונטער זיך — גע־
זעסען אויפֿן טאַבורעט, אָדער שטילערהייט, גנבֿ׳דיג זיך און שלע־
פֿעריג אומקוקענדיג זיך, אַרומגעשפּאַצירט איבערן קאַמער. דאָס
מויל איז ביי איהם געווען די גאַנצע צייט האַלב־אָפֿען, ווי פֿון אונ־
אויפֿהערליכער גרעסטער פֿערוואונדערונג; און עהדער צו נעמען
אין די הענט וואָסער עס איז געוועהנליכע זאַך, האָט ער זי לאַנג און
שטומפּיג בעטראַכט, און גענומען אונצוטרויליך.

און ווען ער איז געוואָרען אַזעלכער, האָבען אי די וועכטערס,
אי דער סאָלדאַט, וואָס האָט אויף איהם אַכטונג געגעבען אין פֿענ־
סטערעל, אויפֿגעהערט זיך צו רעכענען מיט איהם. דאָס איז געווען
דער געוועהנליכער צושטאַנד פֿון די פֿאַראורטיילטע, עהנליכער, לויט
דער מיינונג פֿון וועכטער, וועלכער האָט איהם נאָך קיינמאָל ניט

איבערלעבט, צו דעם, וועלכען מיר זעהען ביי אַ בהמה ביים שעכ־טען, ווען מען בעטויבט זי מיט אַ האַק איבער'ן קאָפּ.

איצט איז ער טויב געוואָרען, איצט וועט ער ביז צום טויט שוין גאָר נישט פיהלען, — האָט געזאָגט דער וועכטער, אַיינקוקענדיג זיך אין איהם מיט געניטע אויגען. — איוואַן, הערסט? אַ, איוואַן?

— מען דאַרף מיך נישט הענגען — האָט טריב זיך אָנגערופען יאַנסאָן, און ווידער איז זיין אונטערשטע ליפּ אַראָבגעפאַלען.

— האָסטו נישט געוואָלט הרג'נען, וואָלט מען דיך נישט אויפ־געהאַנגען, — האָט מוסר'דיג געזאָגט דער עלטסטער וועכטער, נאָך אַ יונגער, נאָר זעהר ערנסטער מאַנספּאַרשוין, אין אָרדערס. — וואָס דען, הרג'נען האָסטו געקענט, און הענגען זיך ווילסטו נישט.

— האָט געוואָלט הרג'נען אַ מענשען אומזיסט. אַ נאַר, אַ נאַר — און שאָ"קעלט זיך.

— איך וויל נישט, — האָט געזאָגט יאַנסאָן.

— וואָס זשע איז, ליבינקער, וויל נישט, דיין זאַך, — האָט גלייכגילטיג געזאָגט דער עלטסטער. — עהער רעדען נארישקייטען, וואָלסטו בעסער בעוואָרנט דיין פערמעגען — ווי עס זאָל נישט זיין, עפּיס האָסטו דאָך פאַרט.

— גאָר נישט האָט ער. איין העמד און אַ פּאָר פּליהערן. יאָ, נאָך אַ פוטערן היטעל — אַ פּראַנט!

אַזוי איז איבערגעגאַנגען די צייט ביז דאָנערשטאָג. און דאָ־נערשטאָג, 12 אַ זייגער ביי נאַכט איז אין קאַמער צו יאַנסאָנ'ען אַריינגעקומען אַ גרויסער עולם, און עפּיס אַ הער מיט פּאַלעטען האָט געזאָגט:

— נו־ס, קומט. מען דאַרף פאָהרען.

יאַנסאָן, בעוועגענדיג זיך אַליץ אַזוי לאַנגזאַם און פויל, האָט אָנגעטון אויף זיך אַליץ, וואָס ער האָט געהאַט, און האָט אָנגעבונדען דעם שמוציג־רויטען שאַליק. קוקענדיג, ווי ער טוט זיך אָן, האָט דער הער אין פּאַלעטען, וואָס האָט גערויכערט אַ פּאַפּיראָס, געזאָגט צו עמיצען:

— און וואָס פאַר אַ וואַרימער טאָג איז היינט. פאָלקאָמער פריהלינג.

די אויגעלעך ביי יאַנסאָנ'ען האָבען זיך געקלעבט, ער איז אינגאַנצען איינגעשלאָפען און האָט זיך גערירט אַזוי לאַנגזאַם און שווער, אַז דער וועכטער האָט אָנגעשריגען:

— נו, נו, לעבעדיגער. איינגעשלאָפֿען!

פּלוצים האָט יאַנסאָן זיך אָנגעשטעלט.

— איך וויל נישט, — האָט ער געזאָגט אָבוועגנדיג.

מען האָט איהם גענומען אונטער די הענד און אַרויסגעפֿיהרט, און ער האָט אונטערטעניג געשטעלט די פֿיס, אויפֿהויבענדיג די שולטער. אין דרויסען האָט איהם באַלד אַרומגענומען אַ פֿרילינגדיגע פֿייכטע לופֿט און אונטער'ן נעזעל איז געוואָרען נאַס; נישט קוקענדיג דערויף, וואָס ס'איז געווען נאַכט, האָט נאָך שטאַרקער אָנגעהויבען צו לאָזען און פֿון ערגיץ דענען הילכיג געפֿאַלען אויפֿ'ן שטיין אָפֿטע, פֿרעהליכע טראָפּענס. און אין ערוואַרטונג, ביז אין די שוואַרצע אָהן לאַמטערנס קאַרעטע, וועלען אַריינקריכען, קלאַפּענדיג מיט די שווערדען און איינבויגענדיג זיך, די זשאַנדאַרמען, האָט יאַנסאָן פֿויל געפֿיהרט מיט'ן פֿינגער אונטער דער נאַסער נאָז און פֿעררִיכט דעם שלעכט פֿערבונדענעם שאַליק.

IV.

מיר, אָריאָלער

דורך דעם זעלבען קריגסגעריכט, וועלכער האָט געמישפּט יאַנסאָנ'ען, איז פֿערורטיילט געוואָרען צום טויטשטראָף דורך הענגען דער פֿויער פֿון אָריאָלער גובערניע, יעלעצער אויעזד, מיכאַאיל גאָלובעץ, מיט'ן צונאָמען מישקאַ ציגאַנאָק, אויך טאַטאַרין. דאָס לעצטע פֿערברעכען זיינס, גענוי פֿעסטגעשטעלטעס, איז געווען דער מאָרד פֿון דריי מענשען און אַ בעזאָפּענע רויבעריי; און ווייטער האָט זיך געצויגען אין רעטזעלהאַפֿטע טיפֿקייט זיין טונקעלע פֿערגאַנגענהייט. געוועזען זיינען אונדייטליכע וואונקען אויף זיין אַנטייל אין אַ גאַנצער רייהע אַנדערע רויבערייען און הריגות, געפֿיהלט האָט זיך הינטער איהם בלוט און פֿייער, און פֿינסטער שכר הוליטעריי. מיט פֿולער אָפֿענהערציגקייט, פֿאָלקאָם ערנסט האָט ער זיך אָנגערופֿען רויבער, און מיט איראָניע זיך פֿערהאַלטען צו די ענינע, וואָס רופֿען זיך ניימאָדיש „עקספּראָפּריאַטאָרען". וועגען לעצטען פֿערברעכען, וואו קיין לייקענען וואָלט צו גאָר נישט געבראַכט, האָט ער דערצעהלט גענוי און גערן, אויף פֿראַגען, אָבער, וועגען דער פֿערגאַנגענהייט האָט ער נאָר געשטשירעט די ציין און צוגעפּייפֿט:

— זוך דעם ווינד אין פעלד!

ווען מען איז אָבער זעהר צוגעשטאַנען מיט שאלות, האָט ציגאַנאָק אָנגענומען אַ ערנסטע און ווירדיגע מינע:

— מיר אַלע, אָריאָלער, זענען געלעכערטע קעפּ, — האָט ער געזאָגט געלאַסען און פערניגטיג. — אָריאָל און קראָמי — די ערשטע גנבים. קאַראַטשעוו און ליווני — אַוואונדער פיר אַלע גנבים. און יעלעץ — דאָס איז דער טאַטע פון אַלע גנבים. וואָס ווייטע איז דאָ צו טענה'ן!

ציגאַנאָק האָט מען איהם אַ נאָמען געגעבען פאַר זיין אויסזעהן און גנב'ישע טבע'ס. געווען איז ער משונה'דיג שוואַרצהאָריג דאַר, מיט געלע אָבגעבריהטע פלעקען אויף די שאַרפע טאָטערישע קינבאַקען; עפּיס פערדיש האָט ער אויסגעדרעהט די ווייסעל פון די אויגען און אייביג ערגעץ זיך געאיילט. אַ בליק האָט ער געהאַט אַ קורצען, אַגיכען, נאָר ביז שוידער גלייכען און פולען מיט ניינגיריגקייט און אַזאַך, אויף וועלכער ער האָט קורץ אַ קוק געטון, האָט גלייך ווי פערלוירען עפּיס, אָבגעגעבען איהם אַ טייל פון זיך און געוואָרען אַנ'אַנדערע. דעם פּאַפּיראָס, אויף וועלכען ער האָט אַ קוק געטון, איז אַזוי אונאַנגענעהם און שווער געווען צו נעמען, גלייך ווי ער וואָלט שוין געווען אין אַ פרעמד מויל. עפּיס אַנ'אייביגער אומרוה איז געזעסען אין איהם, און דאָ האָט ער איהם צונויפגעדרעהט ווי אַ שנור, דאָ פונאַנדערגעוואָרפען ווי אַ ברייט בינטעל געשלענגעלטע פונקען. און זאַסער האָט ער געטרונקען כמעט עמער-ווייז, ווי אַ פערד.

אויף אַלע פראַגען אין געריכט האָט ער, שנעל אויפשפּרינגענדיג, געענטפערט קורץ, פעסט און אפילו ווי מיט פערגעניגען:

— ריכטיג!

אַמאָל בעטאָנט:

— ריכ—כ—טיג!

און נאָר אונערוואַרטעט, ווען די רעדע איז געווען וועגען עפּיס אַנדערש, איז ער אויפגעשפּרונגען און האָט אַ בעט געטהון דעם פּאָרזיצענדען:

— ערלויבט אַ פייף צו טון!

— וואָס פלוצים? — האָט יענער זיך פערוואונדערט.

— חייל זיי זאָגען עדות, אַז איך האָב געגעבען אַ סיגנאַל די חברים, איז דערפאַר. זעהר אינטערעסאַנט.

אַ ביסעל אין פֿערלעגענהייט, היָט דער פּאָרזיצענדער מסכּים געווען. ציגאַנאָק האָט זיך אַריינגעלעגט אין מויל אַריין פיער פינגער, צו צוויי פֿון יעדער האַנד, ווילד אָנגעשטעלט די אויגען — און די טויטע לופֿט פֿון געריכטס-זאַל האָט דורכגעשניטען אַ נ׳אמת׳ער, ווילדער רויבערישער פֿייף, פֿון וועלכען עס שרעקען זיך און זעצען זיך אויף די הינטערשטע פֿיס די בעטויבטע פֿערד און סיוועט בלויז נישט־ווילענדיג דעם מענטשענס פּנים. אי טויט-אַנגסטען פֿון דעם, וועמען מען הרג׳עט, אי די ווילדע פֿרייד פֿון מערדער, אי אַ גרויזאַם וואָרענ׳יש, אי אַ רוף, אי דער חושך פֿון אַ הערבסטליכער געוויטער-נאַכט, אי איינזאַמקייט — אַלץ איז געווען אין דעם לעכערענדען, אי נישט מענשליכען, אי נישט טיר׳ישען געשריי.

דער פּאָרזיצענדער האָט עפּיס אַ געשריי געטון, דערנאָך אָנגעהויבען פֿאָכען אויף ציגאַנאָק מיט דער האַנד, און יענער איז געהאָרכזאַם איינשווייגען געוואָרען. און ווי אַנ׳אַרטיסט, וואָס האָט זיגערייש ערפילט אַ שווערע, נאָר שטענדיג געראָטענע אַריע, זיך געזעצט, אָבגעווישט אָן די פּאָלע פֿון חאַלאַט די נאַסע פֿינגער און זעלבסטצופֿרידען אָנגעקוקט אַלע אַנוועזענדע.

— אָט אַ גזלן! — האָט געזאָגט איינער פֿון די שופֿטים, רייבענדיג אַנ׳אויער. און דער צווייטער מיט אַ ברייטער רוסישער באָרד און טאָטערישע, ווי ביי ציגאַנאָק, אויגען האָט טרויעריש אַ קוק געטון ערגיץ איבער ציגאַנאָק, געגעבען אַ שמייכעל און געענטפֿערט:

— און טאַקי ווירקליך אינטערעסאַנט.

און מיט אַ רוהיג האַרץ, אָהן רחמנות און אָהן די מינדעסטע געוויסענביסען, האָבען די ריכטער אַרויסגעטראָגען ציגאַנאָק׳ן אַ טויטאורטייל.

— ריכטיג! — האָט געזאָגט ציגאַנאָק, ווען דער אורטייל איז איבערגעלייענט געוואָרען. — אין ברייטען פֿעלד און אַ הענגער. ריכטיג!

און, ווענדענדיג זיך צום וואַך-סאָלדאַט, וואוילינגעריש געוואָרפֿען:

— נו, געהען מיר, צי וואָס, זויערע פֿעל. און די ביקס האַלט בעסטער — וועל צונעמען!

דער סאָלדאַט האָט האַרב מיט פֿורכט, אַ קוק געטון אויף איהם, זיך איבערגעקוקט מיט׳ן חבר און אַ טאַפּ געטון דעם האַטשיק ביי דער ביקס. דער צווייטער האָט געטון דאָס זעלבע. און דעם גאַנצען ווי־

ביז צו דער טורמע זענען די סאָלדאַטען ווי נישט געגאַנגען, נאָר געפֿלויגען אין דער לופֿט — אַזוי, פֿערנומען מיט'ן פֿערברעכער, האָבען זיי נישט געפֿיהלט נישט די ערד אונטער די פֿיס, נישט די צייט, נישט זיך אַליין.

ביז צום טויטשטראָף האָט מישקאַ ציגאַנאָק, ווי יאַנסען, געמוזט פֿערברענגען אין טורמע זיבענצעהן טעג. און אַלע זיבענצעהן טעג זענען דורכגעלאָפֿען פֿאַר איהם אַזוי גיך, ווי איינער — ווי איין בליהענדער געדאַנק וועגען ענטלויפֿען, וועגען פֿרייהייט און וועגען לעבען. דער אומרוה, וואָס האָט געהערשט איבער ציגאַנאָק און איז איצט געווען צונויפֿגעפּרעסט פֿון די ווענט און קראַטעס און מויטע פֿענסטער, אין וועלכען מען זעהט גאָר נישט, האָט אָנגעווענדט זיין גאַנצען וואוט אינעווייניג-צו און געברענט ציגאַנאָקס געדאַנק, ווי צוואָרפֿענע אויף ברייטער קוילען. ווי אין אַ שכור'ן טשאַד האָבען זיך געהויפֿענט, צונויפֿגעשלאָגען און געפּלאָנטערט העלע, נאָר נישט פֿערענדיגטע בילדער, זיך פֿארבייגעטראָגען אין אונפֿערהאַלטבאַרען פֿערבלענדערישען שטורם, און אַלע געשטרעבט צו איינעם — צום ענטלויפֿען, צו פֿרייהייט, צום לעבען. דאָ צובלאָזענדיג די נאָזלעכער, ווי אַ פֿערד, האָט ציגאַנאָק שעה'נווייז געשמעקט די לופֿט — איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ס'שמעקט מיט ליין און שרפֿה-רויך, מיט פֿאַרבלאָזער און שאַרפֿער סמוגע; דאָ ווי אַ דריידעל זיך געדרעהט אין קאַמער, גיך טאַפּענדיג די ווענט, קלאַפּענדיג מיט'ן פֿינגער, צומעסמענדיג זיך, בויערנדיג מיט'ן בליק דעם סופֿיט, איבערזייגענדיג די קראַטעס. מיט זיין אונרוהיגקייט האָט ער אויסגעמוטשעט דעם סאָלדאַט וועלכער האָט אויף איהם אַכטונג געגעבען אין לעכעל, און שוין עטליכע מאָל, אין יאוש, האָט דער סאָלדאַט געדראָהט צו שיסען; ציגאַנאָק האָט גראָב און שפּאָטיש געענטפֿערט און נאָר דערפֿאַר האָט די זאַך זיך געענדיגט בשלום, ווייל דער סכסוך פֿלעגט גיך איבערגעהן אין איינפֿאַכע, פּויערישע, נישט באַליידיגענדע זידלעריי, ביי וועלכער דאָס שיסען האָט אויסגעזעהן נאַריש און אונמעגליך.

די נעכט זיינע איז ציגאַנאָק געשלאָפֿען שטאַרק, כמעט נישט רירענדיג זיך, אין שטענדיגער, נאָר לעבעדיגער אונבעוועגליכקייט, ווי אַ צייטווייליג אונטעטיגע ספּרינזשינע. נאָר אויפֿשפּרינגענדיג — האָט ער תיכף זיך גענומען דרעהען זיך, קאָמבינירען, טאַפּען. די הענט זיינע זענען שטענדיג געווען טרוקען און הייס, נאָר דאָס האַרץ האָט

ווען-ניט-ווען פּלוצים פערקיהלט: גלייך ווי אין ברוסט וואלט מען אריינגעלעגט א שטיק נישט צוגעהענדיג אייז, פון וועלכען איבערין גאנצען לייב איז געלאפען א דראבנער טרוקענער שוידער. אזוי אויך פינסטערער, איז ציגאנאק אין עטליכע מינוטען שווארץ געווארען, אנגענומען יענעם קאליר פון בלוטיגען טשוגון. און א משונה'דיגע געוואוינהייט האט ער בעקומען: ווי איבערגעגעסען זיך עפּיס מיט אונגעהויער- און אונערטרעגליך זיסען, האט ער שטענדיג בעלעקט די ליפּען, געשמאקעט און מיט א שמער, צווישען די ציין, אויס-געשפּיגען אויפ'ן פּאל די אנגעלאפענע שליים. און האט נישט דערגרייכט די ווערטער: אזוי גיך זענען געלאפען די געדאנקען, אז די צונג האט נישט בעוויזען זיי צו דעריאגען.

איינמאל בייטאג, אין בעגלייטונג פון וואך-סאלדאט, איז צו אידם אריינגעקומען דער עלטסטער וועכטער. האט קוים א קוק געטון אויפ'ן פערשפּיגענעם פּאל און האט פינסטער געזאגט:

— זעהסט, ווי ר'האט אנגעמאכט!

ציגאנאק האט שנעל געענטפערט:

— אט דו גראבער פּיסק, האסט די גאנצע ערד פארפּאסקודעט און איך זאג דיר גאר נישט. צו וואס געקומען?

אלץ אזוי פינסטער האט דער וועכטער אידם פארגעלעגט צו ווערען א הענקער. ציגאנאק האט אויסגעשטשערעט די ציין און זיך צולאכט.

— אפנים, אז סע'געפינט זיך נישט? אנאנטיק! לאמיר זעהען גיה הענג אצינד, חא-חא! א האלז איז דא, א שטריק איז דא, און צו הענגען נישטא ווער. כ'לעבען, אנאנטיק!

— וועסט בלייבען לעבען דערפאר.

— אודאי: וואס דען, טויטערהייט וועל איך דיר הענגען. האסט געזאגט, שוטה!

— נו, איז וואס? דיר איז דאך אלצאיינס: אזוי ציי אזוי.

— און ווי הענגט מען ביי אייך? אודאי, שטילערהייט הויש...מען!

— ניין, מיט מוזיק — האט אבגעשניטען דער וועכטער.

— נו און אמפּש איז דאס. געוויס דארף מען מיט מוזיק. א... אזוי — און ער האט פערצויגען עפּיס וואולגאריוטגעריש...ם.

— אינגאַנצען פּיסטע, בהדרעיל, פֿון די שינעס אַראָב, — האָט געזאָגט דער וועכטער. — נו, איז ווי, רעד ווי אַ מענש.

צ י ג אַ נ אָ ק האָט אויסגעשטשערעט די ציין:

— אַ מין ניכער! קום־אַריין נאָכאַמאָל, וועל איך דיר זאָגען.

אין חאַאָס פֿון די העלע, נאָר נישט פֿאַרענדיגטע בילדער, וועלכע האָבען געדריקט צ י ג אַ נ אָ ק'ען מיט זייער שנעלקייט, האָט זיך אַריינגעריסען אַ נייעס: ווי גוט איז צו זיין אַ העקער אין אַ רויט העמד. ער האָט זיך לעבעדיג פֿאָרגעשטעלט אַ פּלאַץ, פֿערנאָסען מיט עולם, אַ הויכע בינע, און ווי ער צ י ג אַ נ אָ ק, אין רויטען העמד שפּאַצירט־אום אויף איהם מיט'ן העקעל. אַ זון בעלייכט די קעפּ, גלאַנצט פֿריילִיך אויפ'ן העקעל, און אַזוי איז אַלץ פֿריילִיך און ריין, אַז אַפילו דער, וועמען מען וועט באַלד האַקען דעם קאָפּ, שמייכעלט אויך. און הינטער'ן עולם זעהט מען וועגען און פֿערדישע מאָרדעס — דאָס זענען די פּויערן אָנגעפֿאָהרען פֿון דאָרף; און ווייטער זעהט מען אַ פֿעלד.

— צ—אַך! — האָט געשמאַקעט צ י ג אַ נ אָ ק, בעלעקענדיג זיך, און האָט אויסגעשפּיגען די אָנלויפֿענדע שליים. אין פּליצים, ווי מען וואָלט איהם אַ פֿוטערן היטעל אַרויפֿגעזעצט ביז צום מויל: ס'איז געוואָרען פֿינסטער און דושנע, און אַ שטיק נישט צוגעהענדיג אייז איז געוואָרען פֿון האַרץ, שיקענדיג אַ דראָבנעם טרוקענעם שוידער.

נאָך אַמאָל צוויי איז אַריינגעקומען דער וועכטער, און, שטשערענדיג די ציין, האָט ציגאַנאָק גערעדט:

— אַ מין ניכער. נאָכאַמאָל קום אַריין.

און ענדליך, פֿאַרביינעהענדיג, אין לופּשיקעל, האָט דער וועכטער אַ געשריי געטון:

— אָבגעלאָזט סגליק, קראָה. אַנ'אַנדערן געפֿונען.

— נו גנעה צו אַלדע רוחות, הענג אַליין! — האָט אָבגעענטפֿערט צ י ג אַ נ אָ ק. און האָט אויפֿגעהערט צו טראַכטען וועגען העקעריי.

נאָר צום סוף, וואָס נאָהענטער צום טויטשטראָף, איז די שנעלקייט פֿון די צוריסענע בילדער געוואָרען אונערטרעגליך. צ י ג אַ נ אָ ק האָט זיך שוין געוואָלט אָבשטעלען, צוקראַטשען די פּים און אָבשטעלען זיך — נאָר דער ווירבעל־שטראָם האָט איהם פֿערטראָגען און אָנהאַפּען זיך איז נישט געווען, פֿאַר וואָס: אַלץ איז געשווימען אַרום. און שוין געוואָרען אונרוהיג איז דער שלאָף: האָבען זיך בעוויזען נייע, בולטע שוערע ווי הילצערנע געפֿאַרבטע קלעצלעך, חלומות, נאָך מעהר

ראַשע, ווי געדאַנקען. שוין נישט אַ שטראָם איז דאָס געווען, נאָר אַן׳אוּנ-ענדליכער שטורעם פון אַן׳אוּנענדליכען באַרג, אַ שווינדעל-פליג דורך די גאַנצע זעהבאַר-גרויסע וועלט. אויף דער פרייהייט האָט ציגאַנאָק געטראָגען נאָר פראַנטאַזיסקע וואָנסען, און אין טורמע איז איהם אויס-געוואַקסען אַ קורץ, שוואַרץ, שטעכעדיג בערדעל, און דאָס האָט איהם געמאַכט פאַר שרעקליך און משוגע נאָכ׳ן אָנבליק. ציטעטוויז האָט צי-גאַנאָק ווירקליך זיך פערגעסען און גאָר זינלאָז זיך געדרעהט אין קאַזעמאַט, נאָר אַליין נאָך געטאַפּט די האַרטע געטינקטע ווענט. און וואַסער געטרונקען, ווי אַ פערד.

איינמאָל אָבענד-צו, ווען מען האָט אָנגעצינדען פייער, האָט צי-גאַנאָק זיך אַהעקגעשטעלט אויף אַלע פיער אין מיטען קאַזעמאַט און אָנגעהויבען צו וואויען מיט אַ ציטערדיגען וואָלפישען וואויען. געוען איז ער עפּעס בעזונדערס ערנסט דערביי און האָט געוואויעט אַזוי, ווי וואָלט טון אַ ערנסטע און נויטווענדיגע זאַך. אָנגענומען אַ פולע ברוסט מיט לופט און לאַנגזאַם אַרויסגעלאָזען זי אין דריערדיגען, ציטער-דיגען וואויען; און אויפמערקזאַם, צוגעמאַכט די אויגען, זיך צוגע-הערט, ווי ס׳קומט-אויס. און דער ציטער אַליין אין קול האָט אויסגע-זעהן אַ ביסעל אויכישנע; און נישט געשריגען האָט ער אָהן זין, נאָר פערקיילעכדיגט פלייסיג יעדע נאָטע אין דעם טרישען געשריי, וואָס איז פול געווען מיט אונגעהויערער אימה און וועה.

דערנאָך מיט אַ מאָל אָבגעהאַקט דאָס וואויען און עטליכע מינוט, נישט אויפהויבענדיג זיך פון אַלע פיער, געשוויגען. פלוצים שטילער-הייט, אין דרערד אַריין, אָנגעהויבען צו מורמלען:

— גוטינקע, ליבינקע... גוטינקע, ליבינקע, האָט רחמנות... גוטינ-קע!... ליבינקע!...

און אויך ווי צוגעהערט זיך, ווי ס׳קומט-אויס. אַ וואָרט — און צו-געהערט זיך.

דערנאָך אויפגעשפרונגען — און אַ גאַנצע שעה, נישט איבער-האַפּענדיג דעם אָטעם, זיך געזידעלט „אין מאַמען אַריין“.

— אוּ, אַזוינע און אַזוינע, טאַ-טאַ-טאַ-טאַ! — האָט ער געוואַלדע-וועט, איבערקערהערענדיג די מיט בלוט פערלאָפענע אויגען. — הענגען, איז הענגען, און צוגיב נישט... אוּ אַזוינע און אַזוינע...

און ווייס, ווי קרייד, האט דער סאלדאט, חיונענדיג פון אנגסטען פון זימה, געשטופט אין טיר דעם לאך פון דער ביקס און הילפלאז געשריגען:

— וועל דערשיסען! אויף מייןווארט, וועל דערשיסען! הערסט!

נאר שיסען האט ער נישט געוואגט; אין פערזאנטליכע צום טויט, אויב ס׳איז נישט געווען קיין ווירקליכער בונט, האט מען נישט געשאסען. און ציגאנאק האט געסקריפעט מיט די ציין, געווידעלט און געשפיגען — זיין מענשליכער מח, זייענדיג אוועקגעשטעלט אויף דער אונגעהויער-שארפער גרענעץ צווישען לעבען און טויט, איז זיך צופאלען אויף ברעקלעך, ווי א שטיק טרוקען ליים.

ווען מען איז געקומען ביי נאכט אין קאזעמאט צו נעמען ציגא־נאק׳ען צום טויטשטראף, האט ער זיך אנגעהויבען צו דרעהען און האט ווי אויפגעלעבט. אין מויל איז געווארען נאך זיסער, און די שליים האט זיך אנגענומען אהן אויפהער, נאר די באקען זענען א ביסעל רויטע פארבט געווארען און אין די אויגען האט אנגעהויבען צו פינקלען די פריהערדיגע עטוואס ווילדע דורכגעטריבענקייט. אנטוענדיג זיך, האט ער געפרעגט דעם טשינאווניק:

— ווער וועט דאס הענגען? א נייער? מסתמא נאך נישט געוועהנט!

— ווענען דעם האט איהר שוין נישט וואס צו זארגען, — האט טרוקען געענטפערט דער טשינאווניק.

— וואס הייסט, איך זאל נישט זארגען, וואשע בלאגאראדיע, הענ־גען וועט מען דאך מיך, נישט אייך. וואלט איהר חאטש א שטיקעל קאזיאנע זייף אויף דאס שטריקעל נישט געקארגט.

— גוט, גוט, כ׳בעט אייך — שווייגט.

— כ׳מיין קעגען דעם, וואס ער האט דא ביי אייך די גאנצע זייף אויפגעגעסען, — האט אנגעוויזען ציגאנאק אויפ׳ן וועכטער, — זעהט נאר, ווי דער פרעסער זיינער גלאנצט.

— שווייגט!

— כ׳בעט אייך, קארגט נישט!

ציגאנאק האט זיך צולאכט, נאר אין מויל איז געווארען אלץ זיסער און פליצים האבען עפעס מאדנע אנגעהויבען איינצושלאפען די פיס. דאך, ארויסגעהענדיג אין הויף, האט ער נאך געקיינט אויס־שרייען:

— די קארעטע פון גראף בענגאלער!

V.

ניב אַ קוש און שוואַג.

דער אורטייל פון די פינף טעראָריסטען איז ערקלערט געוואָרען אין לעצטער פאָרם און נאָך דעם זעלבען טאָג האָט מען איהם בע־שייניגט. די פערורטיילטע האָט מען נישט געזאָגט, ווען סיוועט פאָרקומען דער טויטשטראָף, נאָר לויט דעם, ווי ס׳פּלעגט געוועהנליך זיין, האָבען זיי געוואוסט, אַז מען וועט זיי אויפהענגען נאָך די נאַכט אָדער, אַם שפּעטסטען, די קומענדיגע. און ווען מען האָט זיי פאָרגע־לעגט זיך צו זעהן אויפ׳ן אַנדערן טאָג, ד. ה. דאָנערשטאָג, מיט די קרובים, האָבען זיי פערשטאַנען, אַז די הינריכטונג וועט זיין פרייטאָג מיט דער מאָרגענרויטע.

טאַניאַ קאָוואַלטשוק האָט קיין נאָהענטע קרובים נישט געהאַט, און די, וואָס זי האָט יאָ געהאַט, האָבען געוואוינט ערגעץ ווייט, אין קליינרוסלאַנד, און מסתמא אפילו קיין אַנונג נישט געהאַט פון משפט און פון פאָרשטעהענדען טויטשטראָף; מוסיא און ווער־נער אַלס אומבעקאַנטע, האָבען קיין קרובים זאָגאַר נישט געקאָנט האָבען, און נאָר צווי, סערגיי גאָלאָווין און וואַסילי קאַשי־רין, איז פאָרגעשטאַנען זיך צו זעהען מיט די עלטערן. און ביידע האָבען זיי מיט גרויעל און אַנגסטען געטראַכט פון דער זעהונג, נאָר זיך נישט ענטשלאָסען אָבצוזאָגען די אַלטע לייט אין לעצטען געשפּרעך, אין לעצטען קוש.

בעזונדערס האָט געליטען פון דער בעפאָרשטעהענדער זעהונג סערגיי גאָלאָווין. ער האָט זעהר ליב געהאַט זיין טאַטי־מאַמי, האָט זיך נאָר נישט לאַנג מיט זיי געזעהען, און איז איצט געווען אין פּחד, — וואָס וועט דאָ זיין. דער טויטשטראָף אַליין אין זיין גאַנצער אומגעהויערער אויסערגעוועהנליכקייט, אין זיין דעם מח פּלעטענדער וואַנזיניגקייט — האָט זיך פאָרגעשטעלט דער איינבילדונג [illegible] אַלס לייכטער און אויסגעזעהען נישט אַזוי שרעקליך, ווי די עטליכע מינוט, קורצע און אומפערשטענדליכע, וואָס שטעהען ווי אויסערהאַלב דער צייט, ווי אויסערהאַלב דעם לעבען אַליין. ווי צו קוקען — וואָס צו דענ־קען — ווי צו רעדען — האָט זיך אָבגעזאָגט צו פערשטעהן זיין מענש־ליכער שכל. בלויז דאָס איינפאַכע און געוועהנליכע: נעמען פאַר די האַנד, אַ קוש טהון, זאָגען: „וואָס מאַכסטו, טאַטי", — האָט אויסגעזעהן

אומבאַגרײַפֿלעך גרויזאַם אין זײַן אומגעהויערער, אומנענשלעכער, וואַנזיניקער פֿאַלשקייט.

נאָכן אורטייל האָט מען די באַשולדיקטע נישט אַרײַנגעזעצט צוזאַמען, ווי ס'האָט גערעכנט ק אָ וו אַ ל ט ש ו ק, נאָר איבערגעלאָזט יעדן אין זײַן איינזאַמען קאַזעמאַט; און אַ גאַנצן טאָג, ביז עלף דעם זייגער, ווען עס זענען געקומען די עלטערן, האָט ס ע ר ג ײ גאָ ל אָ ו י ן וואָטיק געשפּרייזט איבערן קאַזעמאַט, געצופּט דאָס בערדל, אומגליקלעך געקנייטשט זיך און עפּעס געוואָרטשעט. ווען־ניט־ווען זיך אָבגעשטעלט אין מיטן גיין, אײַנגענומען אַ פֿולע ברוסט מיט לופֿט און זיך אָבגעבלאָזן ווי אַ מענש, וואָס איז צו לאַנג געווען אונטערן וואַסער. נאָר אַזוי איז ער געווען געזונד, אַזוי פֿעסט איז געזעסן אין אים דאָס יונגע לעבן, אַז אַפֿילו אין די מינוטן פֿון אכזריות'דיקסטן לײַדן האָט דאָס בלוט געשפּילט אונטער דער הויט און פֿאַרפֿאַרבט די באַקן, און ליכטיק און נאַאיוו האָבן געבלויט די אויגן.

פֿאַרגעקומען איז אַלץ, אָבער, בעסער, ווי ס ע ר ג ײ האָט ערוואַרטעט.

דער ערשטער איז אַרײַנגעקומען אין צימער, וואו ס'איז פֿאַרגעקומען די זעהונג, ס ע ר ג ײ ' ס פֿאָטער, פּאָלקאָווניק אין דימיסיע, נ י ק אָ ל אַ י ס ע ר ג ײ ע וו י ט ש ג אָ ל אָ ו י ן. געווען איז ער אינגאַנצן גלײַך ווײַס — דאָס געזיכט, די באָרד, די האָר און די הענט — גלײַך ווי מען וואָלט אַ שניי־סטאַטוע אָנגעטאָן אין מענטשן־קליידער; און אַלץ דאָס זעלבע איז געווען דאָס רעקל, דאָס אַלטינקע, נאָר ריין־אויסגעפּוצטע, מיט בענזין שמעקנדיקע, מיט נײַאינקע פּאָפּערעטשנע פּאָלעטן; און אַרײַנגעקומען איז ער פֿעסט, פּאַראַדנע, מיט פֿעסטע, דײַטלעכע טריט. אויסגעצויגן די ווײַסע טרוקענע האַנט און הויך געזאָגט:

— וואָס מאַכסטו, סערגײ!

נאָך אים האָט דראָבנע געשפּרייזט די מוטער און משונה־מאָדנע געשמייכלט. נאָר האָט אויך געדריקט די האַנט און הויך איבער'חזר'ט:

— וואָס מאַכסטו, סערעזשענקע!

אַ קוש געגעבן אין די ליפּן — און שווײַגנדיק זיך געזעצט. ניט אַ וואָרף געטאָן זיך, נישט צווייננט זיך, נישט צושריגען, נישט געטאָן עפּיס גרויזאַמעס, וואָס ס ע ר ג ײ האָט ערוואַרטעט, — נאָר

אַ קוש געטון און, שווייַגענדיג, זיך געזעגט. און אַפילו צורעכט געמאַכט מיט די ציטערדיגע הענט דאָס שוואַרצע זייַדענע קלייד.

סערגיי האָט נישט געוואוסט, אַז די גאַנצע פֿאַרגאַנגענע נאַכט, פֿאַרשלאָסען אין זייַן קאַבינעטל, האָט דער פּאָלקאָווניק מיט דער אָנשטרענגונג פֿון אַלע זייַנע קרעפֿטען באַטראַכט די צערעמאָניע. נישט שווערער מאַכען, נאָר ערלייַכטערען דאַרפֿען מיר די לעצטע מינוטען אונזער זוהן, — האָט פֿעסט באַשלאָסען דער פּאָלקאָווניק און פֿאָרזיכ־טיג אָבגעוואויגען יעדע מעגליכע פֿראַזע פֿון מאָרגענדיגען געשפּרעך יעדען רידר. נאָר צייַטענווייַז זיך פֿאַרפּלאָנטערט, פֿאַרלוירען דאָס, וואָס האָט באַוויזען צוגרייטען, און ביטער געוויינט אין ווינקעל פֿון דער ציראַטענער קאַנאַפּע. און אין דער פֿריה ערקלערט דער פֿרוי, ווי זיך צו האַלטען אויף דער זעהונג.

— איבערהויפּט, גיב אַ קוש — און שווייַג! — האָט ער געלערנט.

— דערנאָך מעגסטו אַפילו רעדען, אַ ביסעל שפּעטער, נאָר ווען וועסט געבען אַ קוש, — שווייַג. רעד נישט באַלד נאָכ'ן קוש, פֿאַר־שטעהסט? ווייַל וועסט זאָגען נישט דאָס, וואָס מ'באַדאַרף.

— כ'פֿאַרשטעה, ניקאָלאַי סערגייעוויטש, — האָט געענטפֿערט די מוטער ווייַנענדיג.

— און וויין נישט. זאָל דיך גאָט אָבהיטען, זאָלסט ווייַנען! דו וועסט איהם דאָך קוילען, אויב וועסט ווייַנען, אַלטע!

— פֿאַר וואָס זשע ווייַנסטו אַליין?

— מיט אייך וועסטו זיך צווייַנען! דאַרפֿסט נישט ווייַנען, הערסט?

— גוט, ניקאָלאַי סערגייעוויטש.

אויף דער דראָזשקע האָט ער געוואָלט נאָכאַמאָל איבער־חזר'ן זייַן אָנזאָג, נאָר ער האָט פֿאַרגעסען. און אַזוי זענען די טאָג געפֿאָהרען שווייַגענדיג, איינגעבויגען, ביידע גרויע און אַלטע, און גע־טראַכט, און די שטאָדט האָט פֿריילוך גערוישט: ס'איז געווען מאַס־לעניצע, און אויף די גאַסען איז געווען רוישיג און לעבעדיג.

אַלע האָבען זיך געזעגט. דער פּאָלקאָווניק האָט זיך אויפגע־שטעלט אין דער צוגעגרייטער פּאָזע, פֿאַרלעגט די די רעכטע האַנד אונטער'ן לאַץ פֿון ראָק. סערגיי איז געזעסען אַ ווייַלע, האָט באַ־געגנט נאָהענט דאָס גערינצעלטע געזיכט פֿון דער מוטער און איז אויפגעשפּרונגען.

— זײַ, סערעזשענקע, — האָט געבעטען די מוטער.

— זעץ זיך סערגײַ, — האָט אונטערגעהאַלטען דער פֿאָטער.

געשװיגען אַ ביסעל. די מוטער האָט מאָדנע געשמײכעלט

— װי האָבען מיר געבעטען פֿאַר דיר, סערעזשענקע. דער טאַטי..

— אומזיסט מאַמעלע...

— מיר האָבען געמוזט דאָס טון, סערגײַ, כדי דו זאָלסט נישט מײנען, אַז די עלטערען האָבען דיך פֿערלאָזען.

װידער געשװיגען אַביסעל. ס'איז שרעקליך געװען אַרויסצוזאָגען אַ װאָרט, גלײַך װי יעדעס װאָרט אין דער שפּראַך װאָלט פֿערלוירען זײַן באַדײַטונג און באַדײַט נאָר אײנס: טויט. סערגײַ האָט אַ קוק געטון אויפֿ'ן רײניקען, מיט בענזין שמעקענדיגען רעקעל פֿון פֿאָטער און האָט געטראַכט: איצט איז קײן רענשטשיק נישטאָ, הײסט עס דער טאַטי האָט איהם אַלײן געפּוצט. װי זשע האָב איך עס פֿריהער נישט באַמערקט, װען ער פּוצט דעם ראָק? אין דער פֿריה מסתמא. — און האָט פּלוצים געפֿרעגט:

— און װאָס מאַכט די שװעסטער? געזונד?

— נינאָטשקאַ װײסט גאָר נישט, — האָט אײלענדיג געענטפֿערס די מוטער.

נאָר דער פּאָלקאָװניק האָט זי שטרענג אָבגעשטעלט:

— צו װאָס זאָגען ליגען? דאָס מײדעלע האָט איבערגעלײענט אין די צײַטונגען. זאָל סערגײַ װיסען, אַז אַלע... זײַנע נאָהענטע... האָבען... דערמאָלט... געטראַכט און...

װײַטער האָט ער שוין נישט געקאָנט רעדען און האָט זיך אָבגעשטעלט. פּלוצים האָט דער מוטערס פּנים, עפּעס מיט ..., זיך צוקנײטשט, צושװימען, אָנגעהויבען צו װאַקלען, געװאָרען נאַס און װילד. די אָבגעבלאַקעװעטע אויגען זענען װאַנזיניג געקראָכען פֿון די לעכער, דער אָטעם געװאָרען אַלץ עפּטער און קורצער אין העכער.

— סע... סער... סע.. סע.. — האָט זי איבער'חזר'ט, נישט פֿאַרמאַכענדיג די ליפּען. — סע...

— מאַמעלע!

דער פּאָלקאָװניק האָט אַ שפּאַן געטון פֿאָרװערטס און, אײנגאַנצען טרײסלענדיג זיך, מיט יעדען פֿאַלד פֿון זײַן ראָק, מיט יעדען קנײטש פֿון געזיכט; נישט פֿערשטעהענדיג, װי ער אַלײן איז שרעקליך

אין זיין שטערבלעכער ווייסקייט, אין זיין אויסגעמוטשעטער פערזשאוי־
טער פעסטקייט, געזאגט צו דער פרוי:

— שווייג! מוטשע איבם נישט! מוטשע נישט! מוטשע נישט!
ער דארף שטארבן! מוטשע נישט!

דערשראקן, האט זי שוין געשוויגן, און ער האט נאך אליין
איינגעהאלטן געטרייסלט פאר דער ברוסט מיט די צוגויפגעדריק־
טע פויסטן און געשענהעט:

— מוטשע נישט!

דערנאך איבערגעטרעטן צוריק, אריינגעלייגט אונטערן לאץ פון
ראק די ציטערדיקע האנט און הויך, מיטן אויסדרוק פון פערשטארק־
טער רוהיקייט, געפרעגט מיט די ווייסע ליפן:

— ווען?

— מארגן, אין דער פרי — מיט אזא איגענע ווייסע ליפן
האט געענטפערט סערגיי.

די מוטער האט געקוקט אראב, געקייט מיט די ליפן און זי
האט נישט געהערט. און נישט אויפהערנדיג צו קייען, זי פער־
לוירן די פראסטע און משונה־מאדנע ווערטער:

— ניניאטשקא האט דיך געהייסן א קוש טון, סערעזשענקע.

— גיב זי א קוש פאר מיר, — האט געזאגט סערגיי.

— גוט. נאך גריסן דיר די חוואסטאוו'ס.

— וואסערע חוואסטאוו'ס? אך, יא!

דער פאלקאווניק האט איבערגעהאקט:

— נו, מען מוז גיין. הויב זיך אויף, מוטער, מען מוז.

אין צווייען האבן זיי אויפגעהויבן די אפגעשוואכטע מוטער.

— געזעגן זיך! — האט באפוילן דער פאלקאווניק. — צלם־
איבער.

זי האט געטון אלץ, וואס מען האט איר געהייסן. נאר
צלמ'דיג און קושענדיג דעם זוהן מיט א קורצן קוש, האט זי גע־
שאקעלט מיטן קאפ און געשענהעט זינלאז:

— ניין, ס'איז נישט אזוי. ניין, נישט אזוי. ניין, ניין. ווי
זשע וועל איך דערנאך? ווי זשע וועל איך זאגן? ניין, נישט אזוי.

— זיי־געזונט, סערגיי! — האט געזאגט דער פאטער. זיי האבן
געדריקט די הענט און פעסט, נאר קורץ זיך צוקושט.

— דו... — האט אנגעהויבן סערגיי.

— נו? — האָט אָבגעריסען געפֿרעגט דער פֿאָטער.

— ניין, נישט אַזוי. ניין, ניין. ווי זשע וועל איך זאָגען? — האָט געשענה'ט די מוטער, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ. זי האָט שוין בעוויזען ווידער זיך אַנידערזעצען און האָט זיך איינגאַנצען געשאָקעלט.

— הו... — האָט ווידער אָנגעהויבען סערגיי. פּלוצים האָט זיין פּנים אומגליקליך, קינדיש זיך צוקנייטשט און די אויגען זענען מיט אַמאָל פֿערלאָפֿען מיט טרערען. דורך זייער פֿינקלענדיגע איבער־פֿליעכע האָט ער נאָהענט דערזעהען דאָס ווייסע פּנים פֿון פֿאָטער אויך מיט אַזעלכע אויגען.

— דו, פֿאָטער, ביזט אַן אידעלער מענש.

— וואָס רעדסטו! וואָס רעדסטו! — האָט זיך דערשראָקען דער פּאָלקאָווניק. און פּלוצים, ווי איבערגעבראָכען, אַרויפֿגעפֿאַלען מיט'ן קאָפּ אויפֿ'ן שולטער צום זוהן. געווען איז ער אַמאָל העכער פֿון סערגיי, נאָר איצט איז ער געוואָרען אַ נידריטשקער, און דער ווייכער קאָפּ איז ווי אַ ווייס קנויל'עכעל געלעגען אויפֿ'ן שולטער פֿון זוהן. און ביידע האָבען שווייגענדיג גיריג זיך געקושט: סערגיי די ווייכע ווייסע האָר, און ער — דעם אַרעסטאַנטען־חאַלאַט.

— און איך? — האָט פּלוצים געזאָגט אַ הויך קול.

אומגעקוקט זיך: די מוטער איז געשטאַנען און, פֿערוואָרפֿען דעם קאָפּ, געקוקט מיט כעס, כמעט מיט פֿעראַכטונג.

— וואָס איז, מוטער? — האָט אויסגעשריגען דער פּאָלקאָווניק.

— און איך? — האָט זי געזאָגט, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ, מיט וואַנזיניגער אויסדריקליכקייט. — איהר קושט זיך, און איך? מאַנסלייט, יאָ? און איך? און איך?

— מאַמעלע! — האָט זיך אַוואָרף געטון סערגיי צו איהר.

דאָ איז פֿאָרגעקומען דאָס, פֿון וואָס מען קען נישט און מען דאַרף נישט שרייבען.

די לעצטע ווערטער פֿונ'ם פּאָלקאָווניק זענען געווען:

— איך בענטש דיך אויפֿ'ן טויט, סערעזשע. שטאַרב דרייסט, ווי אַן אָפֿיציר.

און זיי זענען אַוועקגעגאַנגען. עפּיס אַוועקגעגאַנגען. געוועז, געשטאַנען, גערעדט — און פּלוצים אַוועקגעגאַנגען. אָט דאָ איז גע־זעסען די מוטער, אָט דאָ איז געשטאַנען דער פֿאָטער — און פּלוצים. עפּיס אַוועקגעגאַנגען. צוריקקומענדיג אין קאַזעמאַט, האָט סערגי

...די זיך געלעגט אויפ'ן טאפטשאן, מיט'ן פנים צו דער וואנט, צו ...געהאלטען זיך פאר די סאלדאטען, און לאנג געוויינט. דערנאך, ...ער פון די טרערען, שטארק איינגעשלאפען.

צו וואסילי קאשירין איז געקומען נאר די מוטער — דער ...אטער א רייכער הענדלער, האט נישט בעווילינגט צו קומען. ווא-...סילי האט בעגעגענט די אלטע, שפרינגענדיג איבער'ן צימער און ...ציטערנדיג פון קעלט, האטש ס'איז געוועזעןווארם און זאנאר היים. א...ער געשפרעך איז געוועזען א קורצער, א שווערער.

— נישט כדאי געוועזען, מאמע, צו קומען. נאר זיך און מיך וו... אידר אויסמוטשען.

— צו וואס האסטו דאס, וואסיא! צו וואס האסטו דאס געטון ...אמענקא! — די אלטע האט זיך צעוויינט, אפווישענדיג זיך מיט די עקען פון שווארצען זיידענעם טיכעל. און מיט דער טבע, וואס איז געוועזען ביי אידם און זיינע ברידער, צו שרייען אויף די מוטער, וועלכע פער-שטעהט גאר נישט, האט ער זיך אפגעשטעלט און, ציטערנדיג פון קעלט, ביין אנגעהויבען.

...אט האסטו דיר! איך האב אבער געוואוסט! איהר פערשטעהט דאך גאר נישט, מאמע! גאר נישט!

— נו, נו, גוט. וואס איז דיר — קאלט?

— קאלט... — האט אבגעשניטען וואסילי און האט ווידער אנ-געהויבען צו שפרייזען, פון דער זייט, ביין קוקענדיג אויף די מוטער.

— אפשר פערקיהלט זיך?

— אך, מאמע, וואס פאר א פערקיהלונג, ווען...

און האט פערי'אוש'ט א מאך געטון מיט דער האנד. די אלטע האט געוואלט זאגען: „און אונזערער האט פון מאנטאג געהייסען בעקע-בליינעס", נאר האט זיך דערשראקען, און אנגעהויבען צו קלאגען

— געזאגט האב איך איהם: דאך א זוהן דאך, געה, גיב מחילה ...ניין, האט זיך איינגעשפארט, אלטער צאפ...

— זאל ער געהן צו אלדע רוחות. וואס איז ער מיר פאר א טאטי! ווי געוועזען דאס גאנצע לעבען א בן-בליעל, אזוי געבליבען.

— וואסענקא, פון טאטען אזוי! — די אלטע האט זיך אינגאנצע אויסגעצויגען מיט א פארוואורף.

— פון טאַטען.

— פון אַן אייגענעם טאַטען!

— וואָס פאַר אַ טאַטע איז ער מיר.

ס'איז געווען ווילד און אומגעלומפּערט. פון פאַרענט איז גע־שטאַנען דער טויט, און דאָ איז געוואַקסען עפּעס קליינינקעס, לע־דיגעס, אוננוצליכעס און די ווערטער האָבען געקראַכט ווי לעדיגע שאָ־לעכץ פון ניס אונטער די פיס. און כמעט ווײנענדיג — פון וועהמוט פון דעם איבריגען נישט פערשטעהן, וואָס איז ווי אַ וואַנד דאָס גאַנצע לעבען געשטאַנען צווישען איהם און די אייגענע, און האָט איצט אין דער לעצטער שעה פאַרן טויט, ווילד איבערגעקעהרט זײנע קליי־נינקע נאַרישע אויגען — האָט וואַסילי אָנגעהויבען צו שרײען:

— פערשטעהט שוין אַמאָל, אַז מען וועט מיך הענגען! הענגען! פערשטעהט איהר צי ניין? הענגען!

— וואָלסט נישט געשעפּעט קיין מענשען, וואָלט מען דיך... — האָט געשריגען די אַלטע.

— גאָטעניו! וואָס איז דאָס! דאָס טרעפט דאָך אפילו בײ חיות נישט. אַ זוהן בין איך אײך צי ניין?

ער האָט זיך צוויינט און געזעצט אין ווינקעל. צוויינט האָט זיך אויך די אַלטע אין איהר ווינקעל. אָנמעכטיגע חאַטש אויף אַן אויגענבליק זיך צונויפגיסען אין גע פיהל פון ליעבע און אַנטקעגע־נגעשטעלען איהם דעם גרויל פון קומענדען טויט, האָבען זיי געוויינט מיט קאַלטע די הערצער נישט דערוואַרעמענדע טרערען פון איינזאַמ־קײט. די מוטער האָט געזאָגט:

— אָט זאָגסטו, צי בין איך דיר אַ מוטער צי ניין, מײכסט פאַר־זאורפּע. און איך בין אין די טעג גאָר גרוי געוואָרען, אַ זקנה גע־וואָרען. און דו רעדסט, מאַכסט פאַרוואורפע.

— נו. גוט, גוט, מאַמע. זײַד געזונד. איהר דאַרפט געהן. די ברידער גיט דאָרט אַ קוש.

— בין איך דען נישט אַ מאַמע? טוט מיר דען נישט באַנג?

ענדליך איז זי אַוועקגעגאַנגען. האָט ביטער געוויינט, אַבווישענ־דיג זיך מיט די עקען פון טיכעל, נישט געזעהען דעם וועג. און וואָס ווײטער זי איז אַוועקגעגאַנגען פון טורמע, דאָס הייסער האָבען זיך געגאָסען די טרערען. איז צוריקגעגאַנגען צו דער טורמע, דערנאָך זיך פערבלאָנדזשעט ווילד אין שטאָדט, וואו זי איז געבוירען געוואָרען,

אויסגעשריגן, און זיך געשלאָגן. זי פֿאַרגעסן אין עפּעס אַ ווילדן טעמפּערטעל מיט עטלעכע ווילדע צעבראָכענע טימער, און זיך גע-זעצט אויף די נאַסע אַרומיגע באַנק. און פּלוצים פֿאַרשטאַנען: מערקן וואָס מען איהם הענגען.

די אַלע אין זויפֿגעשריגען, געוואַלט לויפֿן, נאָר פּלוצים האָט זיך שטאַרק פֿאַרדרעהט דער קאָפּ, און זי איז צוגעפֿאַלן. דאָס אייזערנע שטעקעל איז ניט געוואָרען, געוואָרן גליטשיג, און די זאַלבע האָט זיך ביסל געבן נישט געקאָנט אויפֿהויבן: האָט זיך געדרייט אַ מאָל אויפֿגעהויבן אויף די עלנבויגנס און קניען, און ווידער געפֿאַ-לען אויף די וועג. דאָס שווערע מיטל איז אַרונטערגעקראָכן פֿונם קאָפּ, פֿאַרהאַקנדיג אויפֿן אָקן אַליינע צווישן שמוציגע האָר; און עפּעס האָט זיך איהר געדאַכט, אַז זי האָלט אויף אַ חופּה: מען מיכט חתונה דעם זוהן און זי האָט געטאַנצט ווײַן און איז שטאַרק שכור געוואָרען.

— כּקאָן נישט. אויף מײַן וואָרט, כּקאָן נישט! — האָט זי זיך אָב-געוואָכט, שאָקלענדיג מיטן קאָפּ, און איז געקראָכן איבערן טאָטן מיסט, און איהר האָט מען אַלץ אָנגעזאָגט ווײַן, אַלץ אָנגעגאָסן.

און שוין ווען האָט געזען דאָס האַרץ פֿון שכּורן געלעכטער, פֿון אויפֿגעשטאַנען, פֿון ווילדן טאַנץ, — און איהר האָט מען אַלץ אָנגעגאָסן ווײַן. אַלץ אָנגעגאָסן.

VI.

שטונדען לויפֿען.

אין דער פֿעסטונג וואו עס זענען געזעסן די פֿעראורטיילטע מאַרטירערן, איז געווען אַ טורם מיט אַנגעזאָלטען זייגער. יעדע שעה, יעדע האַלבע שעה, יעדע פֿירטעל שעה האָט דער זייגער אויסגעקלונ-גען עפּעס צידערנדיגעס, עפּעס טרויעריגעס, עפּעס וואָס צוגעדט אין דער לופֿט, ווי דאָס ווײַטע און רחמנות'דיגע געשריי פֿון די וואַנדער-פֿייגעל. בײַטאָג איז די משונה'דיגע און טרויעריגע מוזיק פֿאַרלוירען געגאַנגען אין געהויש פֿון שטאָדט, פֿון דער גרויסער און לעבעדיגער גאַס וואָס זענען דער פֿעסטונג. געגרויזאַם האָבּן קלינגען, ניהיליסט קאַ-פּריען פֿון אויך, ווײַט פֿאַראוים האָבּן געשריגען די וויינענדיגע זויפֿא-סאַלצן; אויף מאָסלעניצע זענען פֿון דער אומגעגענד אָנגעפֿאָהרען

געוואונדערטע פּודערמאַנטעס־פויערן, אין די גלעקלעך אויפן האַלז פון זייערע קליינטאָקסיגע פערדלעך האָבן אָנגעפּילט די לופט מיט זשום־שען. און אַ געראַוש פון רעדער איז געהאַנגען אין גאַס: אַ ביסעל שטויער פריילעכער, מאַסלעניצע־געוויש; און אַזוי איז אָנגעקומען אין גע־הויער די יונגע פרילינגדיגע וואַרעמקייט, די שמוציגע קאַלוזשעס אויפן טראָטואַר, די פּלוצים פערשוואַרצטע בוימער פון גערטענדעל. פון ם האָט מיט ברייטע פייכטע ריסען געבלאָזען אַ וואַרעמער ווינט: דאַכט זיך, מען האָט געקאָנט זעהן מיט די אויגען, ווי אין חברה־דיגען פלוג טראָגען זיך אַהין אין די גרענצלאָזע פרייע רוימען פּיצינקעלעך, ווינציגע שטיקעלעך לופט און לאַכען, פליהענדיג.

ביינאַכט פלעגט די שטאָדט שטיל ווערען און איינזאַמען ליכט פון גרויסע עלעקטרישע זונען. און דאַמאָלט איז די רוהיגע פעסטונג, אויף די פלאַכע ווענט פון וועלכער איז קיין איין פייערל נישט געווען, אַוועקגעגאַנגען אין חשך און שטילקייט, מיט אַ שטריך פון שווייגען, אומבעוועגליכקייט און פינסטערניש אָבגעטיילט זיך פון איבעריג־לעבעדיגער, בעוועגליכער שטאָדט. און דעמאָלט האָט מען אָנגעהויבען הערען דאָס שלאָגען פון זייגער; פרעמד דער ערד, לאַנגזאַם און טרויריג איז געבוירען און פערלאָשען געוואָרען אין דער הויך די משונה־דיגע מעלאָדיע. ווידער געבוירען געוואָרען, אָבנאַרענדיג דעם אויער, געקלינגען רחמנות'דיג און שטיל — אָבגעריסען זיך — ווידער געקלינגען. די גרויסע, דורכזיכטיגע, גלעזערנע טראָפּענס פון אומבעוואוסטער הויך זענען געפאַלען אין דעם מעטאַלישען, שטיל קלינגענדיגען בע־נער שעהן און מינוטען. אָדער וואַנדער־פייגעל זענען געפלויגען.

אין די קאַזעמאַטען, וואו עס זענען געזעסען איינציגווייז די פער־אורטיילטע, איז סיי בייטאָג סיי ביינאַכט אָנגעקומען נאָר דער איינער קלאַנג. דורכין דאַך, דורך די גרעב פון שטיינערנע ווענט איז ער אַריינ־געדרונגען, טרייסלענדיג די שטילקייט, — אַוועקגעגאַנגען אומבעמערקט, און ווידער, אויך אומבעמערקט צו קומען. אַמאָל האָט מען אָן איהם פערגעסען און איהם נישט געהערט; אַמאָל מיט יאוש געוואַרט אויף איהם, לעבענדיג פון דעם קלאַנג ביז צום קלאַנג, שוין נישט טרויענדיג דער שטילקייט. נאָר פאַר וויכטיגע פערברעכער איז געווען בעשטימט די טורמע, בעזונדערע זענען אין איהר געווען תקנות, האַרטע, פעסטע און הויכע, ווי דער ווינקעל פון פעסטונגס־האַ[illegible]; און אויב אין אכזריות איז פאַראַן אידעאַליקייט, איז אידעאַל געווען די טויבע, טויטע,

בינערלין-שטומע שטילקייט, וואס האפט די שטעהן און דעם ליכטען אבענד.

און אין דער פייערליכער שטילקייט, געוויקעלטער דורך דעם טרויעריגען קלאנג פון די עגמת-נפשדיגע מענשען, אנגעפילט פון אלעם לעבעדיגען, האבען פינף מאן, צוויי פראצענטער און דריי מאנסלייט, געהאפט, עס זאל קומען די נאכט, דערנאך די מארגענדיגע און דער טויטשטראף, און יעדער אויף זיין שטייגער זיך געגרייט צו איהם.

VII.

נישטאָ קיין טויט!

ווי דאס גאנצע לעבען איהרס האט טאַניאַ קאָוואַלטשוק געטראַכט נאר פון אַנדערע, און קיינמאל פון זיך, אַזוי אויך איצט האט זי נאר פאר אַנדערע געמוטשעט און געקוועלט זיך שטאַרק. דעם טויט האט זי זיך פארגעשטעלט אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל ער שטעהט-פאר, ווי עפעס, וואס פיינט, פאר סערעזשע גאָלאָווין, פאר מוסיאַ, פאר אַנדערע — זי אליין האט ער ווי גאר נישט געאַרט.

און אלס לויט פאר די געצוואונגענע פעסטקייט אין גערעכט האט זי גאַנצע שוהעכענישן געווייזט — ווי עס קענען ווייזען גלייכע פרויען, וואס האבען איבערגעטראגען אסך צרות, אָדער יונגע, כמעט וועהר בעהארצטע, וועהר גוטע לייט. און די השערה, אז סערעזשע קען אויספערקען מיטון, און ווערנער קען בלייבען זיין געהערגליכען שטערקען טיי, און דאס נאך אליין צוזאַמען צו דעם, אז זיי דארפען שטאַרבען — האט זי געקוועלט, פליכט נישט ווע־ניגער, ווי דער געדאַנק וועגען טויטשטראף. דער טויטשטראף איז עפעס אונפערמיידליכעס, און זאָגאַר פיעמערעס, פון וואס ס'איז אפילו נישט כדאי צו רעדען; אָבער אויב א מענש איז טרויעריג, און דערצו נאך פאַרן טויט, האט נישט קיין מיטון, דאס איז גאָר אינטערעסאַנט. זי האט זיך דערמאַנט, איבערקלייבען די טייערע פרטים פון געמיינזא־מען לעבען און איז געשטאַרבען פאר שרעק, מאָלענדיג זיך דאס בעגעגעניש פון סערגעי מיט די עלטערן.

און מיט א באַזונדער רחמנות האט זי רחמנות געהאַט אויף מוסיאַ. שוין לאַנג האט זיך איהר געדאַכט, אז מוסיאַ האט ליב

ח ע ר נ ע ר ׳ ן, און חאָטש דאָס איז געווען אינגאַנצען נישט אמת, דאָך האָט זי געטרוימט פֿאַר זיי בײדע וועגען עפּעס גוטען און ליכטיגען. אויף דער פֿרײַהײַט האָט מוסיאַ געטראָגען אַ זילבערן רינ-געלע, אויף וועלכען ס'איז אויסגעקריצט געווען אַ שאַרבען, אַ ביין און אַ דערנער-קראַנץ אַרום זיי; און אָפֿט, מיט וועהטאָג, האָט געקוקט ט אַ נ י אַ ק אָ וו אַ ל ט ש ו ק אויף דאָס רינג, ווי אויף אַ סימבאָל פֿון פֿעראורטיילטקײַט, און דאָ אויף שפּאַס, דאָ ערנסט געבעטען מ ו ס י אַ ׳ ן זי זאָל עס אויסטון.

— שענק עס מיר, — האָט זי געבעטען.

— ניין טאַנעטשקאַ, כ'וועל נישט שענקען. און אויפֿ'ן מיזינער וועסטו אין גיכען טראָגען אַן אַנדער רינג.

מכח איהר ווידער האָט מען אויך עפּעס געמיינט, אַז די וועט אונבעדינגט און נאָר נאָך חנינה האָבען, און דאָס האָט זי בעליי-דיגט, — זי האָט נישט געוואָלט קיין מאַן. און דערמאָנענדיג זיך אָן די האַלב-קאַמאַוועסדיגע געשפּרעכען איהרע מיט מ ו ס י אַ, און אָן דעם אַז מ ו ס י אַ איז איצט ווירקליך פֿעראורטיילט, האָט די זיך געשטיקט פֿון טרערען, פֿון מוטערליכען רחמנות. און יעדעס מאָל, ווען ס'האָט געשלאָגען דער זייגער, האָט זי אויפֿגעהויבען דאָס פֿאַרוויינטע פּנים און זיך צוגעהערט — ווי נעמט מען אָן דאָרט, אין יענע קאַזעמאַטען די ציהענדיגען, ענערגישען רוף פֿון טויט.

און מ ו ס י אַ איז געווען גליקליך.

פֿערלענט די הענד אויפֿ'ן רוקען, אין גרויסען, נישט לויט איהר וואוקס, אַרעסטאַנטען-חאַלאַט, וואָס האָט זי געמאַכט מאָדנע-ענליך צו אַ מאַנספּערשוין, צו אַ יונג בחור'ל, וועלכער האָט אָנגעטאָן אַ פֿרעמד קלייד, — האָט זי געשפּרייזט גלייך און אומערמידליך. די אַרבעל פֿון חאַלאַט זענען אויף איהר געווען לאַנג, און זי האָט זיי פֿערקנײטשטעט אַרויף, און די דינע, כמעט קינדישע, אָבגעצײַרטע הענט זענען אַרויס-געגאַנגען פֿון די ברייטע לעכער ווי די שטענגלעך פֿון אַ בלום פֿון גלאָז פֿון אַ פּראָסטען, שמוציגען קרוג. דעם דינעם חדשען האַלז האָט געהאַפּעט און אָנגעריבען די האַרטע מאַטעריע, און הען-נ׳ט-זען מיט אַ בעוועגונג פֿון בײדע הענט, האָט מ ו ס י אַ בעפֿרײַט דעם האַלז און פֿאָרזיכטיג אָנגעטאַפּט מיט'ן פֿינגער דאָס אָרט, וואו ס'האָט זיך גערויטעלט און געברענט די צורייצטע הויט.

מוסיא האט געשפאנט — און האט זיך פערענטפערט פאר די מענשען, אויפגערעגט און רויט ווערענדיג. און פערענטפערט האט זי זיך אין דעם, וואס זי, א יונגיטשקע, אגאר נישט, וואס האט גע־טון אזוי וועניג און גאר קיין העלדין נישט, וועט מען איבערגעבען דעם אייגענעם בכבודיגען און שענעם טויט, מיט וועלכען עס זענען גע־שטארבען ביז איהר אמת'ע העלדען און קדושים. מיט אונערשיטערליכען גלויבען אין מענשליכע גוטסקייט, אין מיטגעפיהל, אין ליבע, האט זי זיך פארגעשטעלט, ווי איצט זענען צוליב איהר מענשען אויפגע־רעגט, קווילען זיך, האבען רחמנות — און זי האט זיך איצט גע־שעמט ביז רויטקייט. גלייך, ווי שטארבענדיג אויף דער תליה, וואלט זי בעגאנגען עפעס א ריזיגע נארישקייט.

זי האט שוין געבעטען אויף דער לעצטער זעהונג איהר פער־טיידיגער, ער זאל איהר ברענגען סם, נאר האט זיך פלוצים פער־כאפט: און וואס וועט זיין, אויב ער און אנדערע וועלען מיינען, אז דאס איז פון בעריהמעכץ אדער פון פחדנות, און אנשטאט צו שטאר־בען ענודיג און אונבעמערקט, וועט זי אנמאכען נאך מעהר רעש! און זי האט גיך צוגעגעבען:

— ניין, איבעריגענס, מען דארף נישט.

אויך איצט האט זי געוואלט נאר איינס: ערקלערען די מענשען און בעווייזען זיי אויסדריקליך, אז זי איז נישט קיין העלדין, אז שטאר־בען איז כלל נישט שרעקליך, און אז מען זאל אויף איהר קיין רחמנות נישט האבען און וועגען איהר נישט זארגען. ערקלערען זיי, אז זי איז גאר נישט שולדיג אין דעם, וואס זי, א יונגיטשקע, אגאר נישט, נימט מען איבער אזא טויט און מען הויבט־אויף וועגען איהר אזא רעש.

ווי א מענש, וועלכען מען בעשולדיגט ווירקליך, האט מוסיא געזוכט ופערענטפערונגען, געפרובט צו געפינען האטש עפעס וואס, וואס זאל אויפהויבען איהר קרבן, געבען איהם די ריכטיגע ווערט. געטועהט: !

— געוויס, איך בין א יונגיטשקע און וואלט נאך געקאנט לאנג לעבען. נאר?..

און ווי סיזינקט א ליכט אין גלאנץ פון דער אויפגעגאנגענער זון, האט טריב און טונקעל אויסגעזעהען די יוגענד און דאס לעבען פאר דעם גרויסען און שרעקליכען, וואס דארף אויפשטיין איבער איהר קאפ. נישטא קיין פערענטפערונג.

אָבער פיעליכט דאָס רעזונדערע, וואָס זי טראָגט אין נשמה — די אונבעגרענצטע ליעבע, די אונבעגרענצטע גרייטקייט צום העלדענטאַט, די אונבעגרענצטע לייכטשעצונג פון זיך זעלבסט? זי איז דאָך, ווירקליך, ניט שולדיג, וואָס מען האָט זי נישט געלאָזט אויספיהרען אַליין, וואָס זי האָט געקאָנט און געוואָלט, — וואָס מען האָט זי דערהרגעט אויפ'ן שוועל פון טעמפעל, ביי די טרעפ פון מזבח.

נאָר אויב אַזוי, אויב דער מענש האָט אַ ווערט נישט נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט געטון, נאָר אויך דערפאַר, וואָס ער האָט געוואָלט טון — דעמאָלט... דעמאָלט, איז זי ווערט דעם מאַרטירער-קראַנץ.

— מעגליך? — טראַכט מוסיאַ שעמעוודיג. מעגליך, אַז איך זאָל ווערט זיין? ווערט זיין, אַז מענשען זאָלען נאָך מיר וויינען, זיין אויפגערעגט, נאָך מיר — אַזאַ קליינינקער, אַזאַ גאָר נישט?

און אַן אונגעהויערע פרייד האַפט זי אַרום. נישטאָ נישט קיין ספקות, נישט קיין וואַקלען, זי איז אַריינגענומען אין די פמליא, זי טרעט-אַריין מיט רעכט אין די רייהען פון יענע ליכטיגע וואָס פון אייביג אָן, דורך שטערהויפענס, אינקוויזיציע און טויטשטראָף געהען צום הויכען הימעל. קלאָרער פריעדען און רוה און גרענצלאָזעס, שטילשיינענדעס גליק. גלייך ווי אַוועקגעגאַנגען וואָלט זי שוין פון דער ערד, און האָט זיך דערנעהענטערט צו דער אונבעקאַנטער זון פון אמת און לעבען און שוועבט פריי פון לייב אין אידער ליכט.

— און דאָס איז דער טויט. וואָס זשע פאַר אַ טויט איז דאָס? — טראַכט מוסיאַ זעליג.

און ווען עס זאָלען זיך צונויפנעמען צו איהר אין קאָמעמאַט פון דער גאַנצער וועלט געלעהרטע, פילאָזאָפען און דענקערס, צו לעגען פאַר איהר ביכער, מעסערס, העק און שלייפען, און זאָלען בעווייזען, אַז דער טויט עקזיסטירט, אַז דער מענש שטאַרבט און ווערט ערמאָרדעט, אַז קיין אונשטערבליכקייט איז נישט פאַראַן, — האַלטען זיי זי נאָר פערוואונדערט. ווי הייסט, ס'איז נישטאָ קיין אונשטערבליכקייט, ווען זי איז שוין תיכף איצט אונשטערבליך? פון וואָסער זשע נאָך אונשטערבליכקייט, פון וואָסער נאָך טויט קאָן מען רעדען, ווען שוין תיכף איצט איז די טויט און אונשטערבליך, לעבעדיג אין טויט, ווי איז געווען לעבעדיג אין לעבען?

און ווען צו איהר אין קאָמעמאַט, אַנפילענדיג איהם מיט שטיני-

קעכין, זאָל מען אַריינטראָגן אַ טרומנע מיט איהר אייגענעם פֿוילענדען קערפּער און זאָגען:

— קוק! דאָס ביסטו!

וואָלט זי אַ קוק געטון און געענטפֿערט:

— ניין. דאָס בין נישט איך.

און ווען מען זאָל איהר אָנהויבען איינרעדען, שרעקענדיג מיטין גרויזאַמען בילד פֿון פֿוילען, אַז דאָס איז זי — זי! — וואָלט מוּסיאַ געענטפֿערט מיט אַ שמייכעל:

— ניין. דאָס מיינט איהר, אַז דאָס — בין איך, נאָר דאָס בין נישט איך. איך בין די, מיט וועלכער איהר רעדט, ווי זשע קאָן איך זיין דאָס?

— נאָר דו וועסט שטאַרבען און ווערען דאָס.

— ניין, איך וועל נישט שטאַרבען.

— מען וועט דיך הינריכטען. אָט איז דער שלייף.

— מען וועט מיך הינריכטען, נאָר איך וועל נישט שטאַרבען. ווי קאָן איך שטאַרבען, ווען שוין איצט בין איך — אונשטערבליך!

און אָבגעטרעטען וואָלטען די געלעהרטע, פֿילאָזאָפֿען און הענקערס, זאָגענדיג מיט אַ שוידער:

— ריהרט נישט אָן דאָס אָרט. דאָס אָרט איז — הייליג.

פֿון וואָס נאָך האָט געטראַכט מוּסיאַ? פֿון פֿיעלען האָט זי געטראַכט — ווייל דער פֿאָדעם פֿון לעבען האָט זיך נישט אָבגעריסען פֿאַר איהר דורכ'ן טויט, און האָט זיך געפֿלאָכטען רוהיג און גלייך. געטראַכט פֿון די חברים — און פֿון יענע ווייטע, וואָס מיט בענקשאַפֿט און וועה לעבען-איבער זייער טויטשטראָף, און פֿון יענע נאָהענטע, וואָס וועלען צוזאַמען אַרויפֿגעהן אויפֿ'ן עשאַפֿאָט. האָט בעוואונדערט וואַסיליען, וואָס האָט ער זיך אַזוי דערשראָקען — ער איז שטענדיג געווען זעהר דרייסט און האָט זאָגאַר געקאָנט קאַטאָוועס טרייבען מיט'ן טויט. אַזוי נאָך אין דער פֿריה, דינסטאָג, ווען זיי האָבען אָנגעטון מיט וואַסיליי אויף די לענדען אויפֿרייס-מאַשינען, וועלכע האָבען געדאַרפֿט אין עטליכע שעה אַרום אויפֿרייסען זיי אַליין, האָבען ביי טאַניאַ קאָוואַלטשוק די הענט געציטערט פֿון אויפֿרעגונג, און מען האָט זי געמוזט בעזייטיגען, און וואַסיליי האָט געשפּאַסט, געחיזעט שטיק, געדרעהט זיך, געווען אַזוי אונפֿאָרזיכטיג זאָגאַר, אַז װערנער האָט שטרענג געזאָגט:

— מען דאַרף נישט זיין קיין גוטער ברודער מיט׳ן טויט.

פאַר וואָס זשע האָט ער זיך איצט אַזוי דערשראָקען? נאָר אַזוי פרעמד איז געווען מוסיאַ׳ס נשמה דער דאָזיגער אומפערשטענד־ליכער פחד, אַז גיך האָט זי אויפגעהערט צו טראַכטען פון איהם און זוכען זיין סבה — פּלוצים האָט זיך געוואַלדיג פערגלוסט צו זעהן סערעזשע גאַלאָווין און פון עפּעס אַלאַך טון מיט איהם. אַ טראַכט געטון — און נאָך געוואַלדיגער האָט זיך פערגלוסט צו זע־הען ווערנער׳ן און איהם אין עפּעס איבערציינגען. און פאָרשטע־לענדיג זיך, אַז ווערנער געהט נעבען איהר מיט זיין דייטליכען, גענאַסטענעם, די קנאַפּעל אין דער ערד אַריינשלאָגענדען גאַנג, האָט מוסיאַ צו איהם גערעדט:

— ניין, ווערנער, טייערער, דאָס זענען אַלץ נאַרישקייטען, דאָס איז גאָר נישט וויכטיג, צי דו האָסט דערמאָרדעט נ. נ. צי ניין. דו ביסט אַ קלוגער, נאָר דו דענקסט, ווי זאָלסט שפּילען אין דיין שאָך: נעמען איין פיגור, נעמען די צווייטע, און דערמאָלט ערשט געווינען. דאָ איז וויכטיג, ווערנער, אַז מיר אַליין זענען גרייט צו שטאַרבען. פערשטעהסט? יענע לייט וואָס טראַכטען זיי דען? אַז ס׳איז נישטאָ קיין שום שרעקליכערעס ווי דער טויט. האָבען אַליין אויסגעטראַכט דעם טויט, האָבען אַליין פאַר איהם מורא און שרע־קען אונז. איך וואָלט אפילו אַזוי וועלען: אַרויסגעהן אַליין פאַר אַ גאַנץ פאָלק סאָלדאַטען און אָנהויבען שיסען אין זיי פון אַ בראַונינג. זאָל זיין איך איינע, און זיי טויזענד, און איך וועל קיינעם נישט הרג׳ע־נען. אָט דאָס איז טאַקי וויכטיג, וואָס זיי זענען טויזענד. ווען טויזענד דערהרג׳נען איינעם, הייסט עס געזיגט האָט דער איינער. דאָס איז אמת, ווערנער, ליבינקער.

אָבער אויך דאָס איז געווען אַזוי קלאָר, אַז עס האָט זיך נישט פערגלוסט בעווייזען ווייטער — ווערנער האָט איצט אַליין פאַרשטא־נען, מסתמא. און אפשר האָט גלאַט נישט געוואָלט איהר געדאַנק זיך אָבשטעלען אויף איינעם — ווי אַ לייכטשוועבענדען פויגעל, פאַר [illegible]ליכען עס זענען אָפען אונבעגרענצטע האָריזאָנטען, וועלכער האָט [illegible]ריט צום גאַנצען רחבות, צו דער גאַנצער טיעפקייט, דער [illegible] פרייד פון דער לאַשצענדער און זאַנפטער בלויקייט. ס׳[illegible] [illegible]נגען דער זייגער אָהן אויפהער, טרייסלענדיג די טויבע שטיל־ ; און אין דעם האַרמאָנישען, ווייט־שענעם טאָן האָבען זיך

אַריינגעזאָגטע געדאַנקען, און אַז ? אָנגעהויבען קלינגען ; און מיר זיך זיינען געווייזען די גליקליך־וויקענדע בילדער. גלייך ווי אין אַ שיינע מוזיקאַלישע נאַכט וואָלט מען ערגעץ מוסיא אויף אַ ברייטען און גלייכען וועג, און מ'האָלטען זיך וויגען ווייכע רעספּערען און געגרעלעך וואָלטען קלינגען. אָבגעצייכנט איז יעדער אונרוה און אויפרעגונג, צוגאַנגען איז אין הויך דאָס מידע לייב און דער פרייליכ־מיטער געדאַנק האָט רוהיג געשאַפען העלע בילדער, זיך בעטרינקען מיט זייערע פאַרבען און שטילער רוה. דערמאַנט האָט זיך מוסיא אָן דריי חברים אידעס, וועלכע מען האָט נישט־לאַנג אויפגעהאַנגען; און די געזיכטער זייערע זיינען געווען קלאָר און שמחה'דיג און נאָהענט — נאָהענטער פון יענע שוין, וואָס אין לעבען. אַזוי אין דער פריה שמחה'דיג טראַכט אַ מענש פון הויז פון זיינע פריינד, וואוהין ער וועט אַריינקומען פאַרנאַכט מיט אַ גרוס אויף די לאַכענדע ליפּען.

ווער מיד איז מוסיא געוואָרען פון געהן. האָט זיך צוגעלעגט פאַרזיכטיג אויפ'ן טישעלע און האָט ווייטער געטרוימט מיט לייכט צוגעמאַכטע אויגען. געקלונגען האָט אָהן אויפהער דער וויינער, טרייסלענדיג די שטומע שטילקייט, און אין זיינע קלינגענדיגע ברעגעס האָבען שטיל געשווימען ליכטיגע זינגענדיגע בילדער. מוסיא האָט געטראַכט:

— איז מעגליך, אַז דאָס זאָל זיין דער טויט? גאָט מיינער, די שען ער איז! אָדער דאָס איז דאָס לעבען? איך ווייס נישט, איך ווייס נישט. כ'וועל קוקען אין הערצען.

שוין לאַנג, פון די ערשטע טעג פון געפענגעניס, האָט אָנגעהויבען צו פאַנטאַזירען איהר געהער. ווער מוזיקאַלישער, האָט ער זיך פערשאַפט פון דער שטילקייט און אויף איהר פאָן פון אָרימע גרעקלעך ווירקליכקייט, מיט שריט פון וואַך־סאָלדאַטען אין קאָרידאָר, קלאַנג פון זייגער, שטערן פון ווינט אויפ'ן אייזערנעם דאַך, סקריפּ פונ'ם לאַמטערן, האָט ער בעשאַפען גאַנצע מוזיקאַלע בילדער. תחלת האָט מוסיא פאַר איהם מורא געהאַט, אָבגעטריבען פון זיך, ווי קרענקליכע האַליצינאַציעס, דערנאָך פערשטאַנען, אַז זי אַליין איז געזונד און אַז קיין שום קראַנקהייט איז דאָ נישטאָ — און האָט אָנגעהויבען רוהיג זיך אונטערגעבען זיי.

אויך איצט — פּלוצים גאַר קלאָר און דייטליך האָט זי דערהערט ווייער פון מיליטער־מוזיק. ערשטענס האָט זי געעפענט די אויגען.

אונטערגעהויבן דעם קאָפּ — הינטערן פֿענצטער איז געשטאַנען ניכט און דער זינגער האָט געקלונגען. ווידער, הייסט עס! — האָט זי אַ טראַכט געטון חודיג און האָט פֿערמאַכט די אויגן. און ווי זי האָט נאָר פֿאַרמאַכט, האָט די מוזיק אָנגעהויבן צו שפּילן ווידער. מען הערט קלאָר, ווי פֿון אונטערן ווינקעל פֿון געביידע, פֿון רעכטס, געהן־אַרויס סאָלדאַטן, אַ גאַנץ פּאָלק און געהען פֿאַרבײַ פֿאַרן פֿענסטער. די פֿיס קלאַפּן־אָב גלײַכמעסיג דעם טאַקט אויף דער פֿערפֿרוירענער ערד: איינס־צוויי! איינס־צוויי! — מען הערט אַפֿילו, ווי עס סקריפּעט ווען־ניט־ווען די לעדער אויפֿן שטיוועל, פּלוצים גליטשעט זיך אויס און גלײַכט זיך תּיכּף אויס עמיצענס אַ פֿוס. און די מוזיק גאָהענטער: אַ גאָר אונבעקאַנטער, נאָר זעהר הויכער און מונטערער יום־טוב־מאַרש. ווי עס שײַנט, איז אין פֿעסטונג ערגעץ אַ יום־טוב.

אָט איז די קאַפּעליע שוין פֿאַרן פֿענסטער, און דער גאַנצער קאַזעמאַט איז פֿול מיט פֿריילעכע, ריטמישע פֿרײַנדליך־פֿערשיידענשטימיגע טענער. איין טראָמפּייטער, אַ גרויסער, אַ מעשענער, פֿאַלשעוועט שאַרף, דאָ פֿערשפּעטיגט, דאָ פֿערלויפֿט לעכערליך פֿאַראויס — מוסיאַ זעהט דאָס סאָלדאַטעל מיט דעם טראָמפּייטער, זײַן פֿלײַסיגן פּרצוף, און לאַכט.

אַלץ דערווײַטערט זיך. ס'פֿערשטילן די טריט: איינס־צוויי! איינס־צוויי! פֿון דער ווײַטענס איז די מוזיק נאָך שענער און פֿריילעכער. נאָך אַמאָל־צוויי, הויך און פֿאַלש־פֿריילעך שרײַט־אויס מיט אַ מעשענעם קול דער טראָמפּייטער, און אַלץ פֿערלעשט. און ווידער קלינגט אויפֿן טורם דער זינגער, לאַנגזאַם, טרויעריג, קוים־קוים וואַקלענדיג די שטילקייט.

— אַוועקגעגאַנגען! — טראַכט מוסיאַ מיט אַ לײַכטן אומעט. אידער טוט באַנג די אַוועקגעגאַנגענע טענער, אַזעלכע פֿריילעכע און קאָמישע; טוט באַנג אַפֿילו די אַוועקגעגאַנגענע סאָלדאַטעלעך, ווײַל די פֿלײַסיגע, מיט מעשענע טראָמפּייטערס, מיט סקריפּענדיגע שטיוועל זענען גאָר אַנדערע, נאָר ניט יענע, אין וועלכע זי וואָלט וועלן שיסן פֿון ברוינינג.

— נו, נאָך! — בעט זי דאַנקט. און קומען נאָך. בויגן זיך אָן איבער אידר, רינגלען זי אַרום מיט אַ דורכזיכטיגן וואָלקן און הויבן־אויף אין דער הויך, אַהין, וואו עס טראָגן זיך וואַנדערפֿייגעל און שרײַען, ווי הערעלדען. רופֿן, געבן צו וויסן, זענען

זייט מכשר וועגן זייער פלוג. פלאטערן ברייט מיט די פליגעל און דאס פינסטערניש האלט זיי, ווי ס'האלט זיי אויך ס'ליכט; און אויף די בולטע ברוסטען, וואס שניידען די לופט, ווארפט א בליק שיין פון אונטען די שיינענדע שטאדט. אלץ גלייכער קלאפט ס'הארץ, אלץ רוהיגער און שטילער איז דער אטעם מוסיא'ס. זי שלאפט איין. דאס געזיכט איז מיד און בלייך; ארום די אויגען קרייזען און אזוי רוהען די אויסגעטריקענטע מידעלישע הענט, — און אויף די ליפען א שמייכעל. מארגען, ווען ס'וועט אויפגעהן די זון, וועט דאס מענשליכע געזיכט זיך אויסקרימען מיט א אונמענשליכע גרימאס, פערלאפען ווערען וועלען מיט געדעכטען בלוט די נעהדען און ארויס־קריכען וועלען פון די לעכער די פערגלעזערטע אויגען — אבער היינט שלאפט זי רוהיג און שמייכעלט אין גרויסער אונשטערבליכקייט איה־רער.

איינגעשלאפען איז מוסיא.

און אין טורמע געהט זיך איהר לעבען, טויבעס און שארף־אויריגעס, בלינדעס און ליכטיג־ראיה'געס, ווי דער אייביגער אומרוה אליין. ערגעץ געהט מען. ערגעץ סודעט מען זיך. ערגעץ האט א קלינג געטהון א ביקס. דאכט זיך, עמיצער האט א געשריי געטהון. און אפשר האט קיינער נישט געשריגען — גלאט ס'דאכט זיך פון שטילקייט.

אט איז אהן געוויש אבגעפאלען דאס לופטשיקעל ביי דער טיר — אין טונקעלען לעכעל בעווייזט זיך א טונקעל וואנסעדיג גע־זיכט. לאנג און פערוואונדערט שטעלט עס אן אויף מוסיא די אוי־גען — און פערשוואונדט שטיל, ווי ערשינען.

ס'קלינגט און ס'זינגט דער זייגער — לאנג, מיט פיין. גלייך ווי אויף א הויכען בארג קריכען צו האלבע נאכט די מידע שעה'ען און אלץ שווערער און שווערער ווערט דער וועג ארויף. רייסען זיך אב, גליטשען זיך, פליהען מיט א קרעכץ אראב — און ווידער קרענקליך פויזען די צום שווארצען שפיץ.

ערגעץ געהט מען. ערגעץ סודעט מען זיך. און שוין שפאנט מען די פערד אין שווארצע אהן לאמטערנס קארעטען.

VIII.

ס'איז דא אי דער טויט, אי דאס לעבען.

פון טויט האט ס ע ר ג י י ג א ל א װ י ן קיינמאל נישט געטראכט, ווי ס'זאל זיין א פרעמדע זאך, וואס האט צו איהם קיין שום שייכות נישט. ער איז געווען א פעסטער, געזונדטער, פריילכער בחור, בעשענקטער מיט דער רוהיגער און קלארער לעבענסלוסט, ביי וועלכער יעדער שלעכטער, פארן לעבען שעדליכער געדאנק אדער געפיהל פערשווינדט שנעל און אהן א שפור אין ארגאניזם. ווי שנעל עס האבען זיך פערהיילט ביי איהם אלע שניטען, וואונדען און שטאבען, אזוי איז אלעס דריקענדעס די נשמה, וואונדענדעס, תיכף ארויסגעשטויסט געווארען און אוועקגעגאנגען. און אין יעדע זאך און זאגאר שפיל צי איז דאס געווען פאטאגראפיע, וועליסאפעד צי הכנות צו א מעראריכטישען צקט, האט ער אריינגעטראגען די זעלבע רוהיגע און לעבענסלוסטיגע ערנסטקייט: אלץ אין לעבען איז פריילך, אלץ אין לעבען איז וויכטיג, אלץ דארף מען טון גוט.

און אלץ האט ער געטון גוט: פראכטפאל זיך בעגאנגען מיט'ן זעגעל, געשאסען פון רעוואלווער אויסגעצייכענט; געווען פעסט אין פריינדשאפט, ווי אין ליעבע, און פאנאטיש געגלויבט אין „ערענווארט". אייגענע האבען געלאכט פון איהם, אז אויב א סישטשיק, א מארדע, א בעוואוסטער שפיאן וועט איהם געבען ערענווארט, אז ער איז נישט קיין סישטשיק — וועט ס ע ר ג י י איהם גלויבען און חבר'יש דריקען די האנד. איין חסרון איז געווען: ער איז געווען זיכער, אז ער זינגט גוט, אין אמת'ן אבער האט ער נישט געהאט קיין שום געהער, האט געזונגען העסליך און האט געפאלשעוועט אפילו אין רעוואלוציאנערע לידער; און זיך בעליידיגט, ווען מען האט געלאכט.

— אדער איהר אלע זענט עזלען, אדער איך בין א עזעל, — פלעגט ער זאגען ערנסט און בעליידיגט. און אזוי ערנסט, א טראכט געגעבען, האבען אלע בעשלאסען:

— דו ביסט א עזעל. פון קול צו הערען.

נאר פאר דעם פיעהלער, ווי עס טרעפט אפט מיט גוטע מענשען, האט מען איהם ליעב געהאט, אפשר, נאך מעהר, ווי פאר די מעלות.

פֿאַר'ן טויט האָט ער אויף אַזוי פֿיל נישט מורא געהאַט, און אויך אַזוי פֿיל נישט געטראַכט פֿון איהם, אַז אין אַ גליקליכען פֿרימאָרגען, פֿאַר'ן אַרויסגעהן פֿון דער דירה פֿון ט אַ נ י אַ ק אָ וו אַ ל ט ש ו ק, האָט ער איינער ווי עס געהער צו זיין, מיט אַפּעטיט אָבגעגעסען אָנבייסען: אויסגעטרונקען צוויי גלעזער טיי מיט מילך און אויפגעגעסען אַ גאַנצע בולקע פֿאַר פֿינף קאָפּיקעס. דערנאָך אַ קוק געגעבען מיט 'אומעט אויף ו ע ר נ ע ר'ס נישט געדירטע בולקע און געזאָגט:

— און דו פֿאַר וואָס עסט נישט? עס, מען דאַרף זיך אונטערלעהנען.

— ס'ווילט זיך נישט.

— נו, וועל איך אויפעסען. גוט?

— נו, האָסטו דאָס אַנאַפּעטיט, ס ע ר ע ז ש ע.

אָנשטאָט ענטפֿער, האָט ס ע ר ג י י, מיט אַ פֿאַרשטאָפּט מויל פֿערדומפּט און פֿאַלש אָנגעהויבען זינגען:

— וויחרי וראזשדעבניע וויעט נאַד נאַמי...

נאָכ'ן אַרעסט איז ער אומעטיג געוואָרען: נישט גוט געמאַכט, דורכגעפֿאַלען, נאָר האָט אַ טראַכט געטון: „ס'איז איצט דאָ עפּעס אַנדערש, וואָס מען דאַרף ערפֿילען גוט — שטאַרבען", און איז פֿריילאך געוואָרען. און ווי מאָדנע עס איז נישט, שוין אויפ'ן צווייטען טאָג אין פֿעסטונג האָט ער אָנגעהויבען זיך צו פֿערנעהמען מיט גימנאַסטיק נאָך דעם אונגעוועהנליך־ראַציאָנאַלען סיסטעם פֿון עפּעס אַ דייטש מ י ל ל ע ר, וועלכעס איז איהם זעהר געפֿעלען: האָט זיך אויסגעטאָן נאַקעט און, צו אומרוהיגער פֿערוואונדערונג פֿון וואַך־סאָלדאַט, וואָס האָט אויף איהם אַכטונג געגעבען, אַקוראַט דורכגעמאַכט אַלע פֿאָרגעשריבענע אַכטצעהן איבונגען. און דאָס, וואָס דער וואַך־סאָלדאַט האָט נאָכגעקוקט און, קענטיג געוואונדערט זיך, איז איהם געווען אַנגענעהם, ווי אַ פּראָפּאַגאַנדיסט פֿון מ י ל ל ע ר'ס סיסטעם; און כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז וועט קיין ענטפֿער נישט בעקומען, דאָך געזאָגט צום אויג, וואָס האָט געשטעקט אין פֿענסטער:

— גוט, ברודער, שטאַרקט. אָט וואָס מען וואָלט בעדאַרפֿט איינפֿיהרען ביי אייך אין פּאָלק, — האָט ער אויסגעשריגען איבערצייגענד און ווייך, כדי נישט צו דערשרעקען. נאָר נישט זייענדיג חושד, אַז ער סאָלדאַט האַלט איהם פּשוט פֿאַר אַ משוגע'נעם.

דער מורא פאַר'ן טויט האָט אָנגעהויבען צו קומען צו אים שטאַפּענווייז און עפּעס שטערכענווייז: גלייך ווי עמיצער זאָל נע־מען און פון אונטען, מיט'ן גאַנצען כח, אַ שטופּ טון דאָס האַרץ מיט'ן פויסט. ס'טוט גיכער וועה, ווי ס'איז שרעקליך. דערנאָך פאַרגעסט זיך דאָס געפיהל — אין עטליכע שעה אַרום וועט עס ווידער קומען, און מיט יעדען מאָל ווערט עס אַלץ לענגער און שטאַרקער. אין שוין קלאָר הויבט־אָן אָנצונעמען די נישט־דייטליכע פאָרמען פון עפּעס אַ גרויסען און זאַגאַר אומערטרעגליכען שרעק.

— איז מעגליך, אַז איך זאָל מורא האָבען? — האָט אַ טראַכט געטון סערגיי פערוואונדערט. — ע, נאַרישקייטען!

נישט ער האָט מורא געהאַט — מורא געהאַט האָט זיין יונג, פעסט, שטאַרק לייב, וועלכעס האָט זיך נישט געלאָזט אָבנאַרען נישט פון דער גימנאַסטיק פון דייטש מילער, נישט פון קאַלטען אַרומוואַשען. און וואָס פעסטער, וואָס פרישער עס איז געוואָרען נאָכ'ן קאַלטען וואַ־סער, דאָס שאַרפער און אומערטרעגליכער איז געוואָרען דאָס געפיהל פון אויגענבליקליכען שרעק. און טאַקי אין יענע מינוטען, ווען אויף יער פרייהייט האָט ער געשפירט אַ באַזונדערען צופלוס פון לעבענס־לוסט און קראַפט, אין דער פריה, נאָכ'ן שטאַרקען שלאָף און פיזישע איבונגען — פלעגט דאָ ערשיינען דער שאַרפער ווי פרעמדער שרעק. ער האָט דאָס בעמערקט און אַ טראַכט געטון:

— נאַריש, ברודער סערגיי. עס זאָל לייכטער שטאַרבען, דאַרף מען עס אָבשוואַכען, און נישט שטאַרקען. נאַריש!

און האָט אַוועקגעוואָרפען די גימנאַסטיק און אָבוואַשונגען. און דעם סאָלדאַט, אַלס ערקלערונג און פערענטפערונג, אַ געשריי געטון:

— דו קוק נישט, וואָס איך האָב אויפגעהערט. אַ וואויל מיטעל. נאָר פאַר די, וועלכע מען דאַרף הענגען, טויג נישט, און פאַר אַלע אַנדערע איז זעהר גוט.

און, ווירקליך, ס'איז געוואָרען כלומר'שט גרינגער. האָט אויך געפרובט ווייניגער עסען, אום נאָך מעהר זיך אָבצושוואַכען, נאָר נישט קוקענדיג אויפ'ן מאַנגעל פון פרישער לופט און איבונגען, איז דער אַפּעטיט געווען זעהר גרויס, שווער געווען אים בייצוקומען, ער האָט אויפגעגעסען אַלץ, וואָס מען האָט געבראַכט. דערנאָך אָנגעהויבען טון אַזוי: נאָך נישט נעמענדיג זיך צום עסען, אַרויסגיסען אַ העלפט

פֿון געקעכץ אין עמער אַרײַן; און דאָס האָט כּלומרשט געהאָלפֿן: ס'איז ערשינען אַ שטומפּיגע שלעפֿעריגקײט, אַ מידקײט.

— איך װעל דיר װײַזן! — האָט ער געדראָהט דעם לײַב, און אַלײן אומעטיג, צערטליך געפֿירט מיט דער האַנד איבער די פֿױלע פֿערװײכטע מוסקולען.

נאָר גיך איז דאָס לײַב געװעהנט געװאָרען אויך צו דעם רעשים, און דער מורא פֿון טויט איז ערשינען נאָך אַ מאָל — אמת, נישט אַזאַ שאַרפֿער, נישט אַזאַ פֿײַערדיגער, נאָר נאָך מעהר נודנער, עהנליכער צו נישטגוטקײט. „דאָס איז דערפֿאַר, װאָס מען ציהט אַזױ לאַנג“ — האָט געטראַכט סערגײ — „גוט װאָלט געװען די גאַנצע צײַט, ביז צום טויטשטראָף, אַדורכשלאָפֿען“, און האָט זיך געסטאַרעט װאָס לענגער צו שלאָפֿען. תּחילת איז עס אים געראָטען, נאָר דערנאָך צי דערפֿאַר, װאָס ער איז איבערגעשלאָפֿען צי פֿון אַן אַנדער סבּה, איז געקומען שלאָפֿלאָזיגקײט. און מיט איהר שאַרפֿע, ועדענדיגע געדאַנקען, און מיט זײ אויך אַ בענקשאַפֿט נאָכ'ן לעבען.

— צו אַלדע רוחות, צי האָב איך דען מורא פֿאַר איהם? — האָט ער געטראַכט פֿון טויט. — דאָס טוט מיר באַנג דאָס לעבען. אַ פּראַכטפֿאָלע זאַך, װאָס עס זאָלען דאָרט נישט רעדען די פּעסימיסמען. און װאָס װאָלט זײַן, װען מען זאָל הענגען אַ פּעסימיסט? אַך, אַנ'עבֿרה דאָס לעבען, זעהר אַנ'עבֿרה. און צו װאָס איז מיר אויסגעװאַקסען אַ באָרד? נישט געװאַקסען, נישט געװאַקסען, און דאָ פּלוצים אויסגעװאַקסען. און צו װאָס?

ער האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אומעטיג און געזיפֿצט מיט לאַנגע, שװערע זיפֿצען. שװײַגען — און אַ לאַנגער, טיפֿער זיפֿץ; װידער קורצעס שװײַגען — און װידער נאָך אַ לענגערער, שװערער זיפֿץ.

אַזױ איז געװען ביז צום געריכט און ביז דער לעצטער שרעקליכער זעהונג מיט די עלטערן. װען ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט אין קאַזעמאַט מיט'ן קלאָרען בעװאוסטזײַן, אַז מיט'ן לעבען איז אַלץ געענדיגט, אַז פֿאַר איהם זענען נאָר עטליכע שעה װאַרטען אין לעדיגקײט און דער טויט — איז געװאָרען עפּעס משונה־מאָדנע. גלײַך װי מען װאָלט איהם ענטבלויזט אינגאַנצען, עפּעס אויסערגעװעהנליך ענטבלויזט — נישט נאָר דאָס אָנטון פֿון איהם אַראָפּגענומען, נאָר אַרױסגעריסען פֿון איהם די זון, לופֿט, גערויש און ליכט, טאַטען און רעד. דער טויט איז נאָך נישטאָ, נאָר דאָס לעבען איז שוין אויך נישטאָ, און דאָ

איז עפּיס נייעם, מערקווירדיג-אונפערשטענדליכעס, עפּיס אַזוינס, וואָס צי האָט עס נישט קיין זין, צי האָט עס יאָ אַ זין, נאָר אַזאַ טיפען, געהיימניספוילען און אונמענשליכען, אַז ס'איז אונמעגליך אידם צו ענטדעקען.

— צו אַלדע גוטע יאָהר! — האָט פיינגליך זיך געוואונדערט סערגיי. — וואָס זשע איז דאָס אַזוינס? און וואו בין איך דאָס? איך... וואָס בין איך?

האָט זיך בעטראַכט איננאַנצען, אויפמערקזאַם, מיט אינטערעס, פון די גרויסע אַרעסטאַנטען-מעשטעס, ביז צום בויך, אויף וועלכען יער חאַלאַט איז אָבגעשטאַנען. איז זיך דורכגעגאַנגען איבער'ן קאַמער, צושפרייט די הענט און בעטראַכט זיך ווי אַ פרוי אין אַ נייעם קלייד, וועלכעס איז צו לאַנג. האָט אַ דרעה געטון מיט'ן קאָפּ — דרעהט זיך. און דאָס עטוואָס משוגה'דיגע — איז ער, סערגיי נאָלאָווין, און דאָס — ווערט נישט בלייבען.

און אַלץ איז געוואָרען משוגה-מאָדנע.

געפרובט געהן איבער'ן קאַזעמאַט — משוגה-מאָדנע, וואָס געהט. געפרובט זיצען — משוגה-מאָדנע, וואָס זיצט. געפרובט געבען אַ טרונק וואַסער — משוגה-מאָדנע, וואָס טרינקט, וואָס שלינגט, וואָס האַלט די קוואָרט, וואָס ס'זענען דאָ פינגער און די פינגער ציטערן. האָט זיך פערחלינעט, פערהוסט, און, הוסטענדיג, געטראַכט: ווי משוגה-מאָדנע איז עס, וואָס כ'הוסט.

— וואָס איז, כ'גע שוין פון זינען צי וואָס! — האָט אַ טראַכט געטון סערגיי, און אַ קעלט האָט אידם אַרומגענומען. — דאָס וואָלט נאָך געפעהלט, דער רוח זאָל זיי נעמען!

אַ רייב געטון דעם שטערען מיט'ן האַנד, אָבער אויך דאָס איז געווען משוגה-מאָדנע. און דעמאָלט, נישט אָטעמענדיג, אויף גאַנצע שעהען, דאַכט זיך, איז ער פערגליווערט געוואָרען אין אונבעוועגליכקייט, לעשענדיג יעדען געדאַנק, איינהאַלטענדיג אַ הויכען אָטעם, אויסמיידענדיג יעדע תנועה — ווייל יעדער געדאַנק איז געווען משוגעת, יעדע תנועה איז געווען משוגעת. צייט איז נישט געבליבען, ווי זי וואָלט זיך אומוואַנדלען אין דורכזיכטיגע ליפטלאָזע רוימען, אין אַ ריזיגען פלאַץ, אויף וועלכען ס'איז אַלץ, אי די ערד, אי ס'לעבען, אי די מענשען; און דאָס אַלץ קאָן מען זעהן מיט איין בליק, אַלץ ביז צום סוף, ביז צום רעטזעלהאַפטען באַרגשטורץ — דעם טויט. און נישט

דאָס האָט געמיינט, וואָס מען ווייסט דעם טויט, נאָר דאָס, וואָס אין אַיין צייט ווייסט מען אי דאָס לעבען אי דעם טויט. מיט אַ לעכטערישער האַנד איז צוועקגעריסען געוואָרען דער פאָרהאַנג, וואָס פאַרדעקט פון דורות דעם סוד פון לעבען און דעם סוד פון טויט. און זיי האָבען אויפגעהערט צו זיין סודות — נאָר ניט געוואָרען זענען זיי אויך פערשטענדליך, ווי אמונות, וואָס איז אויפגעצייכענט אויף אַ אונבעוואוסטער שפראַך. ניט געווען איז אַזעלכע בעגריפען אין זיין מענשליכען מח, ניט געווען זיי אַזעלכע ווערטער אין זיין מענשליכער שפראַך. וועלכע וואָלטען אויסשטאַנד זיין אַרומצונעמען דיזע דערוועהנטע. און די ווערטער: „כיהאָב מורא" האָבען געקלונגען אין איהם נאָר דערפאַר, וואָס ס'איז ניט געווען קיין אַנדער וואָרט, ניט עקזיסטירט האָט גאָר ניט געקיינט עקזיסטירען אַ בעגריף, וואָס זאָל פּאַסען צו דעם נייעם, אונמענשליכען צושטאַנד. אַזוי וואָלט געווען מיט אַ מענשען, ווען ער, בלייבענדיג אין די גרענעצען פון מענשליכען פערשטאַנד, ערפאַהרונג און געפיהלען, זאָל פּלוצים דערזעהען גאָט אַליין — דערזעהען און ניט פערשטעהן, כאָטש וויסען זאָגאַר, אַז דאָס היסט גאָט, און דערציטערט ווערען מיט די אונערהערטע ענוּיים פון אונערהערטען ניט-פערשטעהען.

— אָט האָסטו דיר מילער'ן! — האָט ער פּלוצים הויך מיט אויסערגעוועהנליכער איבערצייגונג אַרויסגעזאָגט און אַ שאָקעל געטהון מיט'ן קאָפּ. און מיט דעם אונערוואַרטעטען איבערברוך אין געפיהל, צו וועלכען עס איז אַזוי פעהיג די מענשליכע נשמה, האָט ער זיך פריילֿיך און אַפענהערציג צולאַכט.

— אַי דו מילער! אַי דו, מיין ליעבער מילער! אַי די מיין טייערער דייטשעל! און פאָרט ביסטו גערעכט, מילער, און איך, ברודער מילער, בין אַ עזעל.

שנעל עטליכע מאָל זיך דורכגעגאַנגען איבער'ן קאָמאַט אַי צו נייער גרעסטער פערוואונדערונג פון מאָלדאַט, וואָס האָט אַריינגעקוקט אין לעכעל, — שנעל זיך אויסגעטהון ביז נאַקעט און פריילין מיט'ן העכסטען פלייס אַדורכגעמאַכט אַלע אַכטצעהן איבונגען; אויסגעבויגען און צוזאַמענגעצויגען זיין יונג עטוויס אָבגעפאַלען לייב זיך געזעצט, אַריינגענומען און אַרויסגעלאָזט לופט; שטעלענדיג זיך אויף די שפיץ ... ער, אַרויסגעוואָרפען די הענט און די פיס. און נאָך יעדער איבונג געזאָגט מיט פערגעניגען:

— אָט אַזוי! אָט אַזוי, ברודער מיללער! — די באַקען זיינע האָבען זיך צופלאַמט, פון דער הויט זענען אַרויסגעטרעטען טראָפּענ־לעך היטצען, צונגענומען שוויס, און דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט פעסט און גלייך.

— די מעשה איז, מילער, — האָט געשענדעט פערגיני אַרויסשטעלענדיג די ברוסט אַזוי, אַז עס האָבען זיך דייטליך אָנגע־צייכענט די ריפּען אונטער דער דין־אָנגעצויגענער הויט, — די מעשה איז, מילער, אַז עס איז פאַראַן נאָך אַ ניינצעהנטע איבונג — דאָס אויפהענגען פאַר'ן האַלז אין אונבעוועגליכער פּאָזע. און דאָס הייסט טויטשטראָף. פערשטעהסט, מילער? מען נעמט אַ לעבע־דיגען מענש, לאָמיר זאָגען סערגיי גאַלאָווין, מען וויקעלט איהם ווי אַ לאַלקע און מען הענגט פאַר'ן האַלז, ביז ער וועט נישט שטאַרבען. ס'איז נאַריש, ברודער מילער, אָבער מען קאָן גאָר נישט טון — מען מוז.

האָט זיך איבערגעבויגען אויף די רעכטע זייט און איבער־געחזר'ט:

— מען מוז, ברודער מילער.

IX.

שרעקליכע איינזאַמקייט.

אונטער דעם זעלבען קלאַנג פון זייגער, אָבגעטיילט פון סער־גיי און מוסיאַ מיט געטליכע לעדיגע קאַמעראַטען, נאָר אַזוי שווער איינזאַמער, ווי אין דער גאַנצער וועלט וואָלט עקזיסטירט נאָר ער איינער, אין גרויעל און אַנגסטען האָט פערענדיגט זיין לעבען דער אומגליקליכער וואַסילי קאַשירין.

פערשוויצט, מיט אַ נאַס העמד, וואָס איז צוגעשטאַנען צום לייב מיט צולאָזטע, פריהער געקרייזעלטע האָר, האָט ער קאָנוואולסיוו און האָפענונגסלאָז זיך געוואָרפען אין קאַמער, ווי אַ מענש, וועלכען עס טוען שרעקליך וועה די ציין. זיך צוגעזעצט, ווידער געלאָפען צוגעלענט דעם שטערן צו דער וואַנט, זיך אָבגעשטעלט און עפּעס געזוכט מיט די אויגען — ווי וואָלט זוכען אַ רפואה. ער האָט זיך אַזוי איבערגעביטען, גלייך ווי ער וואָלט האָבען צוויי פערשידענע געזיכטער, און דאָס פריהערדיגע, דאָס יונגע איז ערגעץ אַוועקגע־

זאַנגען, און אויף זיין אָרט איז געבליבען אַ נייעס, אַ שרעקליכעס, פון
דער פינסטערניש געקומענעס.

צו איהם איז דער טויטשרעק געקומען מיט אַ מאָל און בע-
הערשט איהם אינגאַנצען און מעכטיג. נאָך אין דער פריה געהענדיג
אויף אַ געוויסען טויט, האָט ער געטריבען מיט איהם קאַטאָוועס,
און שוין אין אָבענד, פערשפּאַרט אין איינזאַמען קאַמער, איז ער
פערדרעהט און פערשלינגען געוואָרען פון אַ חוואַליע פון וואַנזיניגען
שרעק. ביז ער איז אַליין, מיט איגענעם ווילען, געגאַנגען אויף כּבוד
און טויט, ביז ער האָט זיין טויט, רואש אויסערליך-שרעקליכען,
געהאַלטען אין זיינע אייגענע הענד, איז איהם געווען לייכט און פריילוך
וואַטער: אין געפיהל פון אונבעגרענצטער פרייהייט, פון דרייסטען
און פעסטען בעשלוס פון זיין הערוהיגען און פערטלאָזען ווילען
האָט פּאַלקאַס געזונגען דאָס קליינינקע, צווייפעקנישטע, ווי אַל-
טיטשקע שרעקעלע. צוזאַמענגעטרעטעל מיט אַ טיוועלזאַשין, איז ער
אַליין ווי פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ טיוועלזאַשין, האָט אַריינ-
גענומען אין זיך דעם אכזריותדיגען פערשטאַנד פון דינאַמיט, האָט
איבערגענומען זיין פייערדיגע טויטשלאַגענדע מאַכט. און געהענדיג
אין גאַס, צווישען צוקאַפּטע, וואַבערינע, פערדאַנדיגע מענשען, וואָס
ראַמענען זיך צוילענדיג פון די דראָשקעס און טראַמווייען, האָט ער זיך
אַליין אויסגעוויזען ווי אַ גאַסט פון אַן אַנדערער, אונבעקאַנטער וועלט,
וואו מען קען נישט קיין טויט, קיין שרעק.

און פּלוצים, אַזאַ שאַרפער, ווילדער, איבעראַשענדער שינוי.
ער גערעט שוין נישט, וואוהין ער וויל, איהם פיהרט מען — וואוהין
מען וויל. ער קלויבט זיך שוין נישט אוים קיין אָרט, נאָר מען זעצט
איהם אין אַ שטיינערנע שטייג און פערשליסט אויף אַ שליסעל, ווי
אַ זאַך. ער קאָן שוין נישט אויסקלויבען פריי: לעבען צי טויט, ווי
אַלע מענשען, — איהם ווערט מען אונבעדינגט און אונפערמיידליך טויי-
טען. מיט איין אויגענבליק צוריק די פערקערפערונג פון ווילען, לע-
בען און קראַפט, ווערט ער אַן אומגליקליך בילד פון דער איינציגער
אין דער וועלט קראַפטלאָזיגקייט, ווערט אַ חיה, וואָס וואַרט אויף
דער שחיטה, אַ טויבע און שטומע זאַך, וועלכע מען קאָן איבערשטע-
לען, ברעגען, ברעכען. וואָס ער זאָל נישט רעדען, וועט מען זיינע
ווערטער נישט הערען, און אַז ער וועט אָנהויבען שרייען, וועט מען
פערשטאָפּען דאָס מויל מיט אַ שמאַטע, און וועט ער אַליין שטעלען

די פיס, וועט מען איהם אוועקפיהרען און הענגען; און וועט ער וויזען א ווידערשטאנד, זיך ווארפען, לעגען אויף דר'ערד — וועט מען איהם מוכר זיין, אויפהויבען, בינדען און א געבונדענעם צוטראגען צו דער תליה. און דאס, וואס די מאשין-ארבייט וועלען איבער איהם ג...ילען מענשען ...וועלכע, ווי ער, ניט זיי צו א נייעס, אויסערגעוועהני-...עבען און גרויזאמען אנבליק: צי פון געשפענסטער, פון עפעס, וואס פערשטעלט זיך, וואס ערשיינט נאר אומיסטען; צי פון מעכאנישע לאל-...עס אויף א ספרינזשינע: מען נעמט, מען כאפט, מען פיהרט, מען ...ענגט, מען ציהט ביי די פיס. מען שניידט-אב דאס שטריקעל, מען ...עגט, מען פיהרט, מען בעגראבט.

און פון ערשטען מאג טורמע זענען די מענשען און סילעבען פערוואנדעלט געווארען פאר איהם אין א אומבעגרייפליך-שרעקליכע וועלט פון געשפענסטער און מעכאנישע לאלקעס. כמעט דול פון שרעק, האט ער זיך געפרובט פארשטעלען, אז מענשען האבען א צונג און רעדען, און האט נישט געקאנט — האבען אויסגעזעהן שטום; ...אט געפרובט זיך דערמאנען זייערע רעד, דעם זין פון ווערטער, וועלכע זיי בענוצען ביי בעציהונגען — און נישט געקאנט. די מיילער עפנען זיך, עפעס קלינגט, דערנאך פונאנדערגעהען זיי זיך, איבער-שמעלענדיג די פיס, און ס'בלייבט נאר נישט.

אזוי וואלט זיך געציהלט א מענש, ווען ביי נאכט, בשעת ער איז אין שטוב אליין, וואלטען אלע זאכען אויפגעלעבט, זיך אנגע-הויבען ריהרען און ערוואכען איבער איהם, איבער'ן מענשען, הייסט גם, א אומבעגרענצטע מלוכה. פלוצים וואלטען איהם גענומען משפטן: די שאפע, די שטול, דער שרייבטיש און די כאפע. ער וואלט גע-שריגען און געווארפען זיך, געהויבען גוואלד, און זיי וואלטען אויף זייער לשון עפעס גערעדט צווישען זיך, דערנאך געפיהרט איהם הענגען: די שאפע, די שטול, דער שרייבטיש און די סאפע. און צוגעקוקט וואלטען זיך די איבריגע זאכען.

און צולץ האט אנגעהויבען אויסזעהן ווי א שפיעלכעל חא-ניל'ן קאשירניע'ן, וועלכער איז געוועזען פערארטיילט צום טויט דורך הענגען: זיין קאמעראט, די טיר מיט'ן לעכעל, דער קלאנג פון אנגעדרעהטען זייגער, די אקוראט-אויסגעקאמטע פיסונג אין געזונדערס די מעכאנישע לאלקע מיט'ן ביקס, וועלכע קלאפט מיט די פיס איבער'ן קארידאר, און די אנדערע, וועלכע, שרעקנדיג ...

קען־זײַן צו איהם אין פֿענסטערל און שװײַגענדיג דערלאַנגען סע־מען. און דאָס, װאָס ער האָט איבערלעבט, איז נישט געװען מורא פֿאַר'ן טויט; גיכער האָט ער דעם טויט זאָגאַר געװאונשען. אין זײַן גאַנצער אײביגער רעטזעלהאַפֿטקײט און אונפֿערשטענדליכקײט איז ער געװען נאָהענטער דעם פֿערשטאַנד, װי די אַזױ װילד און פֿאַנטאַסטיש אומגעװאַנדעלטע װעלט. נאָך מעהר, דער טויט איז װי בערעכטיגט געװאָרען אײנגאַנצען אין דער משוגענער װעלט פֿון געשפּענסטער און לאַלקעס, פֿערלױרען זײַן גרױסען און רעטזעלהאַפֿטען זין, געװאָרען אויך עפּעס מעכאַנישעס, און נאָר דערפֿאַר שרעקליכעס. מען נעמט, מען האַפּט, מען פֿיהרט, מען הענגט, מען ציהט די פֿיס. מען שנײַדט־אָב דאָס שטריקעל, מען לעגט, מען פֿיהרט, מען באַגראָבט.

פֿערשװאונדען פֿון דער װעלט אַ מענש.

אין גערײכט האָט די נאָהענטקײט פֿון די חברים געבראַכט קאַ־שירינען צו זיך, און ער האָט װידער, אויף אַן אויגענבליק, דער־זעהען מענשען: זיצען און משפּט'ן איהם און רעדען עפּעס אויף מענ־שען־לשון, הערען און פֿערשטעהען כלומר'שט. אָבער שוין אויף דער זעהונג מיט דער מוטער האָט ער, מיט דער אימה פֿון אַ מענשען, װאָס געהט פֿון זינען און פֿערשטעהט דאָס, דערפֿיהלט קלאָר, אַז די אַלטע פֿרוי אין שװאַרצען טיכעל — איז אײנפֿאַך אַ קונציג געמאַכטע מעכאַנישע לאַלקע, אין אָרט פֿון די, װאָס זאָגען: „פּאַ־פּאַ“, „מאַ־מאַ“, נאָר בעסער געמאַכט. האָט זיך געמיהט צו רעדען מיט איהר, און אַלײן אויפֿצאַפּלענדיג, געטראַכט:

— גאָטעניו! דאָס איז דאָך אַ לאַלקע. אַ לאַלקע פֿון דער מוטער און אָט דאָס איז אַ לאַלקע פֿון סאָלדאַט, און דאָרטען אין דער היים אַ לאַלקע פֿון פֿאָטער, און אָט דאָס — די לאַלקע פֿון װאַסילי קאַ־שירין.

ס'האָט געדאַכט, נאָך אַ ביסעל, און ער װעט ערגעץ דערהערען אַ טראַסק פֿון אַ מעכאַניזם, אַ סקריפּ פֿון נישט געשמירטע רעדער. װען די מוטער האָט אָנגעהויבען צו װײנען, האָט אויך אײן אויגענבליק װידער אַ פּינקעל געטון עפּעס מענשליכעס, נאָר שוין בײַ די ערשטע אירע װערטער פֿערשװאונדען, און ס'איז געװאָרען אינטערעסאַנט און שרעקליך צו קוקען, װאָס פֿון די אויגען פֿון לאַלקע רינט װאַסער.

דערנאך, אין זיין קאזעמאט, ווען די מורא איז געווארן א נערטעגלעך, האט ו א ס י ל י ק א ש י ר י ן געפרובט דאווענען. פון דעם אלעם, וואס האט אלס רעליגיע ארומגערינגלט זיין בחור-לעבען אין הויז פון זיין פאטער דעם הענדלער, איז געבליבען איין ווידעריגער ביטערער און רייצנדער אבשײַבעל, און קיין אמונה איז נישט געווען. נאר אמאל, פילייכט, נאך אין פריהער קינדהייט האט ער דערהערט פינף ווערטער, און זיי האבען איהם געטראפען מיט א צאפלדיגער אויפרעגונג און דערנאך דאס גאנצע לעבען געבליבען בעהויכט מיט שטילער פאעזיע. די ווערטער זענען געווען:

— פון אלע ליידענדע די פרייד.

עס פלעגט טרעפען, אין שווערע מינוטען טוט ער א מורמעל אין זיך, אהן א תפלה, אהן א בעשטימטען געדאנק: „פון אלע ליידענדע די פרייד" — און ס'ווערט פלוצים גרינגער אין ס'פערגלוסט זיך געהן צו עמיצען ליבען און קלאגען זיך שטיל:

— אונזער לעבען... איז דען דאס א לעבען! עך, ליבינקע מיינע, איז דען דאס א לעבען.

און דערנאך ווערט פלוצים קאמיש, און ס'ווילט זיך שויבערן די האר, ארויסווארפען א קניה, אונטערשטעלען די ברוסט אונטער עמיצענס קלעפ: נא, שלאג!

קיינעם, אפילו די נאהענטסטע חברים האט ער נישט דערצעהלט פון זיין „פון אלע ליידענדע די פרייד" און זאבאר אליין ווי נישט געוואוסט פון איהם — אזוי טיף איז דאס געלעגען ביי איהם אין נשמה. און דערמאנט נישט אפט, מיט פארזיכטיגקייט.

און איצט, ווען די אימה פון דעם אונלעזבארען בעשײַנפערלעך פארגעשטאנענעם געהיימניס האט איהם בעדעקט איבערן קאפ, ווי דאס וואסער בשעת א פע[illegible]לייצונג דאס טשערעדעל, וואס אויפן ברעג — האט זיך איהם פערוואלט דאווענען. געוואלט זיך שטעלען אויף די קניען, נאר געשעמט זיך פארן סאלדאט און, צונויפגעלעגט די הענט אויף דער ברוסט, שטיל ארויסגעזאגט:

— פון אלע ליידענדע די פרייד!

און מיט בענקשאפט, ארויסרעדענדיג מיט געפיהל, איבערחזר'ט:

— פון אלע ליידענדע די פרייד, קום צו מיר, האלט אונטער ו א ס ק א ק א ש י ר י ן.

שוין לאַנג, ווען ער איז געווען אויפ'ן ערשטען קורס אוניווערזיטעט און פלעגט נאָך הילען אַ בּיסעל, בּיז דער בּעקאַנטשאַפט מיט זוערנער'ן און אַיינטריט אין די חברה, האָט ער זיך גערופען בּעי ידהמעריש און רחמנות'דיג „וואַסקאַ קאַשירין“ — איצט האָט זיך עפּעס אויך פערוואַלט אַזוי זיך אָנצורופען. נאָר טויט און אָהן אַנאָבקלאַנג האָבּען אויסגעקלינגען די ווערטער.

— פון אַלע ליידענדע די פרייד!

אויפגעווינט האָט זיך עפּעס גלייך ווי ס'איז דורכגעשווימען אין דער ווייטענס עמיצענס שטילעס און טרויעריגעס בּילד און איז שטיל אויסגעלאָשען, נישט בּעלייכטענדיג דעם חושך, וואָס פאַר'ן טויט. געשלאָגען האָט דער אָנגעדרעהטער זייגער אויפ'ן טורם. אַ קלאַפּ געטון מיט עפּעס, מיט דער שווערד צי מיט דער בּיקס האָט דער סאָלדאַט אין קאָריטאָר און לאַנג, געציקעלט אַ געגענץ געטון.

— פון אַלע ליידענדע די פרייד! אויך דו שווייגסט! אויך ח ווילסט גאָר נישט זאָגען צו וואַסקאַ קאַשירין?

האָט געשמייכעלט געריהרט און געוואָרט. נאָר געווען אין לעדיג אי אין נשמה, אי אַרום. און נישט אומגעקעהרט האָט דאָס שטילע און טרויריגע בּילד. דערמאָנט האָבּען זיך אוננוצליך און פּייניגליך וואַקסענע בּרענענדיגע ליכט, גלח אין חלאַמידע, אויסגעמאָלטע אויף דער וואַנט איקאָנאַ, און ווי דער פאָטער, איינבּויגענדי! זיך און אויסגלייכענדיג זיך, דאַווענט און בּוקט זיך, און אַליין קוקט פון דער ווייט, צי דאַווענט וואַסקאַ, צי שטיפט ער נישט. און ס'איז געוואָרען נאָך שרעקליכער, ווי פאַר דער תפלה.

פערשוואונדען איז אַלץ.

משוגעת האָט זיך שווער אָנגערוקט. דאָס בּעוואוסטזיין איז אויסגעגאַנגען ווי אַ ניאויסלעשענדער צוואָרפענער שייטערהויפען, קאַלט געוואָרען, ווי דער קערפּער פון אַ נאַר וואָס געשטאָרבּענעם מענש, בּיי וועלכען ס'איז נאָך וואַרעם אין האַרצען, און די פיס און הענט שוין פערגליווערט. נאָך אַמאָל, בּלוטיג אויפפלאַקערנדיג, האָט געזאָגט דעם צאַנקענדער געדאַנק, אַז ער, וואַסילי קאַשירין, קאָן דאָ אַראָב פון זינען, איבּערטראָגען עינוים, פאַר וועלכע עס איז קיין נאָמען נישטאָ דערגרעהן צו אַזאַ בּרעג פון ווייט און ליידען, צו וועלכען עס איז נאָך נישט דערגאַנגען קיין איין לעבּעדיג בּעשעפעניש; אַז ער קאָן זיך שלאָגען מיט'ן קאָפּ אין וואַנט, אויסשטעכען זיך מיט'ן פינגער די אויגען

רעדען און שרייען, וואס ער וויל, פערזיכערן מיט טרערען, אז מעהר איבערטראגען קאן ער נישט — און גאר נישט. ס'העלפט זיין גאר נישט.

און דאס גאר נישט איז געקומען. די פיס, וועלכע האבען זייער בעוואוסטזיין און זייער לעבען, זענען ווייטער געגאנגען און געטראגען דאס ציטערדיגע נאסע לייב. די הענט, וועלכע האבען זייער בעוואוסטזיין, האבען אומזיסט געפרובט פערמאכען דעם חלאט, וואס ציטערט זיך אויפ'ן ברוסט, און דערווארעמען דאס ציטערדיגע נאסע לייב. דאס לייב האט געציטערט און געפרירט. די אויגען געקוקט. און דאס איז געווען כמעט ווי רוה.

נאר געווען איז נאך איין מאמענט פון ווילדען שרעק. דאס, ווען ס'זענען אריינגעקומען מענשען. ער האט אפילו נישט א טראכט געגעבען, אז דאס הייסט — ציים פאהרען צום טויטשטראף, נאר פראסט דערזעהען מענשען און דערשראקען זיך, כמעט קינדיש.

— כ'וועל מעהר נישט! כ'וועל מעהר נישט! — האט ער געשטאמעלט קוים-קוים מיט די אבגעשטארבענע ליפען און שטיל זיך אבגערוקט אין די טיף פון קאזעמאט, ווי אין דער קינדהייט, ווען ס'האט אויפגעהויבען אויף איהם א האנד דער פאטער.

— מען דארף פאהרען.

מען רעדט, מען געהט ארום, מען דערלאנגט עפעס. האט פערמאכט די אויגען, זיך א שאקעל געטהון און שווער אנגעהויבען קלויבען זיך. ווי ס'שיינט האט דאס בעוואוסטזיין אנגעהויבען אומקעהרען: פלוצים געבעטען ביים טשינאווניק א פאפיראס. און יענער האט פארנעהם געעפענט א זילבערנעם מיט דעקאדענטישער ציכנונג פארטסיגאר.

X.

ווערנער.

דער אונבעקאנטער, מיט'ן צונאמען ווערנער, איז געווען א מענש, מידער פון לעבען און פון קאמפף. געווען א צייט, ווען ער האט זעהר שטארק ליב געהאט דאס לעבען, געהאט פערגעניגען פון טעאטער, ליטעראטור, פערקעהר מיט מענשען; בעגאבט מיט א פראכטפאלען זכרון און פעסטען ווילען, האט ער ערלערנט פאלקאם עטליכע אייראפעאישע שפראכען, געקאנט פריי זיך אויסגעבען פאר

אַ דײַטש, פֿראַנצויז אָדער ענגלענדער. דײַטש האָט ער געלערנט גע־יעהגליך מיט באַוואַרישן אַקצענט, נאָר געקאָנט, ווען האָט געוואָלט, רעדן ווי אַ אמתער אײַנגעבוירענער בערלינער. ליב געהאַט גוט זיך אָנטאָן, געהאַט פּראַכטפֿולע מאַניערן און אײנער פֿון דער גאַנצער קאָמפּאַניע, אָהן געפֿאַהר דערקענט צו ווערן, געוואָגט צו קומען אויף הויכע בעלער.

אָבער שוין לאַנג, אומבעמערקט פֿאַר די חברים, איז אין זײַן נשמה געוואַקסן אַ טונקעלע פֿאַראַכטונג צו מענשן; און יאוש איז דאָרט געווען און אַ שווערע, כמעט שטערבליכע, מידקייט. לויט זײַן נאַטור מער מאַטעמאַטיקער ווי פּאָעט, האָט ער נישט געוואוסט ביז איצט פֿון קיין בעגײַסטערונג און עקסטאַז, און צײַטענווײַז זיך געפֿיהלט, ווי אַ וואַנזיניגער, וואָס זוכט די קוואַדראַטור פֿון קרײַז אין קאַלטעס מענשן־בלוט. דער פֿײַנד, מיט וועלכן ער האָט טעגליך געקעמפֿט, האָט אים נישט געקאָנט אײַנפֿליסן קיין אַכטונג צו זיך; דאָס איז געווען אַ געדאַכטע נעץ פֿון פּשטות, פֿעראַט און פֿאַלשקייט, שמוציגע שפּיאָנען, נידערטרעכטיגע שווינדלען. דאָס לעצטע, וואָס האָט אויף שטענדיג, דאַכט זיך, פֿערניכטעט אין אים דעם פֿערלאַנג צו לעבן — איז געווען דער מורד פֿון אַ פּראָוואָקאַטאָר, וועלכען ער איז בעגאַנגען לויטן בעפֿעהל פֿון דער אָרגאַניזאַציע. דערהרגעט רוהיג, און ווען האָט דערזעהן דאָס טויטע, לײַכטענדע, נאָר איצט רוהיגע און אַלץ עלענ־דע מענשליכע געזיכט — פּלוצים אויפֿגעהערט צו אַכטען זיך און זײַן אַרבייט. נישט ער זאָל קריגן חרטה, נאָר פּשוט פּלוצים אויפֿגעהערט זיך צו שעצען, געוואָרן פֿאַר זיך אַליין נישט אינטערעסאַנט, נישט וויכטיג, לאַנגווײַליג־פֿרעמד. נאָר פֿון דער אָרגאַניזאַציע, ווי אַ מענש פֿון אײנעם, נישט צושפּליטערטען ווילן, נישט אַוועקגעגאַנגען און אויסערליך געבליבן דער זעלבער — נאָר אין די אויגען איז אויסגע־וואַקסן עפּעס קאַלטעס און שוידערהאַפֿטעס. און קיינעם גאָר נישט געזאָגט.

געהאַט האָט ער נאָך איין זעלטענע אײגענשאַפֿט: ווי ס׳איז פֿאַראַן מענשן, וואָס האָבען קיינמאָל נישט געוואוסט פֿון קאָפּווייטאָג, אַזוי האָט ער נישט געוואוסט, וואָס הייסט שרעק. און ווען אַנדערע האָבען מורא געהאַט, האָט ער זיך בעצויגן צו דעם אָהן טאַדעל נאָר אויך אָהן איבריגען מיטגעפֿיהל, ווי צו אַ גאַנץ־פֿערשפּרייטע קראַנקהייט, פֿון וועלכער ער אַליין האָט, אָבער, קיינמאָל נישט געלי־

טען. אויף די חברים, בעזונדערס אויף וואסיא קאשירין, האט ער רחמנות געהאט; אבער דאס איז געווען א קאלטער, כמעט אפּיציעלער רחמנות, וועלכען עס האבען געהאט, מסתמא, אויך איינינע פון די שופטים.

ווערנער האט פערשטאנען, אז דער טויטשטראף איז נישט פשוט א טויט, נאר עפּעס אנדערעס, — נאר יערענפאלס בעשלאסען בעגעגנען איהם רוהיג, ווי עפּעס פרעמדעס: לעבען ביז צום סוף אזוי גלייך ווי ס'איז גאר נישט געשעהען און וועט נישט געשעהען. נאר דערמיט האט ער געקאנט אויסדריקען העכסטע פעראכטונג צום טויטשטראף און פערטהיידיגען די לעצטע פרייהייט פון גייסט, וועלכע קיינער וועט שוין נישט זיין אימשטאנד ביי איהם אוועקצונעמען. און אין געריכט — און דעם וואלטען אפשר נישט געגלויבט אפילו די חברים, וועלכע האבען גוט געקענט זיין קאלטע פודכטלאזיגקייט און גאוה — האט ער געטראכט נישט פון טויד און נישט פון לעבען; ער האט מיט כונה, מיט טיפסטער און רוהיגער אויפמערקזאמקייט, געשפּילט א שווערין שאך-פּארטיע. א אויסגעצייכנעטער שפּילער אין שאך, האט ער פון ערשטען טאג געפענגנים אנגעהויבען די פּארטיע און געפיהרט אן אויפהער. און דער אורטייל, וואס האט איהם פערמשפּט צום טויטשטראף דורך הענגען, האט נישט ארויסגעריקט קיין איין פיגור אויף דעם אונזעהבארען ברעטעל.

אפילו דאס, וואס ענדיגען די פּארטיע וועט איהם, ווארשיינליך, נישט אויסקומען, האט איהם נישט אפּגעשטעלט; און דעם פריה-מארגען פון לעצטען טאג, וואס איז איהם געבליבען אויף דער ערד, האט ער אנגעהויבען דערפון, וואס האט פעריכט איין נעכטיגען נישט גאר געלונגענעם גאנג. צוגעדריקט די אראבגעלאזטע הענד צווישען די קניה, איז ער לאנג געזעסען אין אונבעוועגליכקייט; דערנאך אויפגעשטאנען און אנגעהויבען ארומגעהן, קלערענדיג. א גאנג האט ער געהאט א בעזונדערען: ער האט עטוואס געבויגען פארווערטס דעם אייבערשטען טייל קערפּער און פעסט און אויסדריקליך געשלאגען די ערד מיט די קנאפּעל — אפילו אויף טרוקענער ערד האבען זיינע טריט איבערגעלאזט א טיפען און דייטליכען סימן. שטיל, נאר מיט'ן אטעם, האט ער אנגעפייפט א איינפאכע איטאליענישע אריע — דאס האט געהאלפען טראכטען.

נאָר די שפּיל איז דאָסמאָל צוגעגאַנגען עפּעס שלעכט. מיט אַ נײַ־אויפֿגעקומען געפֿיהל, אַז ער האָט געטון עפּעס אַ גרויסען, זאָגאַר גראָבען פֿעהלער, האָט ער עטליכע מאָל אומגעקעהרט צוריק און איבערגעקוקט די שפּיל כמעט פֿון אָנהויב. דעם פֿעהלער נישט געפֿינען, נאָר דאָס געפֿיהל פֿון געמאַכטען פֿעהלער איז נישט נאָר נישט פֿאַרבײַגעגאַנגען, נאָר געוואָרען אַלץ שטאַרקער און פֿאַרדריסליכער. און פּלוצים ערשײַנען אַן אומגעוואַרטעטער און בעלײדיגענדער געדאַנק: איז נישט דאָס דער טעות, וואָס מיט'ן שפּיל אין שאַך וויל ער אָבציהען זײַן אויפֿמערקזאַמקײט פֿון טויטשטראָף און זיך אָבצוימען פֿון דעם טויטשרעק, וועלכער איז כלומר'שט אומפֿערמײַדליך פֿאַרן פֿעראורטײלטען?

— נײן, צו וואָס דען! האָט ער געענטפֿערט קאַלט און רוהיג פֿערדעקט דאָס אומגעהײַערע בריטעל. און מיט דער זעלביגער פֿערשטאַרקטער אויפֿמערקזאַמקײט, מיט וועלכער האָט געשפּילט, ווי ענטפֿערענדיג אויף אַ שטרענגען עקזאַמען, זיך בעמיהט צו געבען חשבון אין גרויעל פֿון זײַן לאַגע, פֿון וועלכער עס איז גאָר קײן אויסגאַנג נישטאָ: בעטראַכט דעם קאַזעמאַט, סטאַרענדיג זיך נישט דורכלאָזען נאָר נישט, איבערגעצעהלט די שעהען, וואָס בלײַבען ביז צום טויטשטראָף, אויסגעמאָלט זיך גענוי און גאַנץ פּונקטליך דאָס בילד פֿון דער הינריכטונג און אַ קנײטש געטון מיט די אַקסעל.

— נו? — האָט ער געענטפֿערט עמיצען מיט האַלבער פֿראַגע. — אָט איז אַלץ. וואו זשע איז דער פּחד?

קײן פּחד איז ווירקליך נישט געווען. און נישט נאָר וואָס ס'איז נישט געווען קײן פּחד, נאָר ס'איז געוואַקסען עפּעס, ווי געגענזעצליכעס — אַ געפֿיהל פֿון אונדײַטליכער, נאָר געוואַלדיגער און דרײַסטער פֿרײד. און דער טעות, וועלכען ער האָט נאָך אַלץ נישט געפֿינען, האָט שוין נישט אַרויסגערופֿען נישט פּחדים, נישט אויפֿרעגונג, נאָר אויך גערעדט הויך פֿון עפּעס גוטען און אומגעוואַרטעטען, גלײַך ווי ער, ווערנער, וואָלט האָבען גערעכענט פֿאַר געשטאָרבען אַ נאָהנטען טײַערען פֿרײַנד, און דער פֿרײַנד לעבט גאָר געזונד און לאַכט.

ווערנער האָט ווידער אַ קנײטש געטון מיט די אַקסעל און אַ [illegible] זײַן פּולס: דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט אָפֿט, נאָר פֿעסט און גלײַך, מיט בעזונדערער הילכיגער קראַפֿט. נאָכאַמאָל אויפֿמערקזאַם, ווי אַ נײַ־

איטשקער, וואס איז דאס ערשטע מאל אין טורמע, בעטראכט די ווענט, דעם שלאס, דעם צום פאל צוגעשרויפטען שטול און א טראכט געטין:

— וואס איז מיר אזוי לייכט, שמחה׳דיג און פריי? טאקי פריי. גיב א טראכט פון מארגענדיגער הינריכטונג — און זי איז גלייך ווי גאר נישטא. גיב א קוק אויף די ווענט — גלייך ווי נישטא זענען אויך די ווענט. און אזוי פריי, גלייך ווי איך בין נישט אין טורמע, נאר ערשט וואס ארויסגעגאנגען פון א טורמע, אין וועלכער בין געזעסען סגאנצע לעבען. וואס איז דאס?

סהאבען אנגעהויבען צו ציטערן די הענט — אונערווארטעטע ערשיינונגען פאר ווערנער׳ען. אלץ וואטיגער האט זיך געווארפען דער געדאנק. גלייך ווי פייערדיגע צונגען וואלטען אויפגעפלאקערט אין קאפ — ארויס האט געוואלט זיך דורכשלאגען דאס פייער און בעלייכטען ברייט די נאך נאכטליכע, נאך טונקעלע רוים. און אט האט ער זיך דורכגעריסען ארויס און אויפגעשיינט האט די ברייט־בעשטראלטע רוים.

פערשוואונדען איז די טריבע מודקייט, וואס האט געפייניגט ווערנער׳ען די לעצטע צוויי יאהר, און אנגעפאלען איז פון הארץ דער טויטער, קאלטער שלאנג מיט פערמאכטע אויגען און טויטליך־פערמאכטען מויל — פאר׳ן געזיכט פון טויט האט אומגעקעהרט, שפילענדיג, די שענע יוגענד. און דאס איז געווען מעהר ווי די שענע יוגענד. מיט דער וואונדערבארער אויסלייטערונג פון גייסט, וועלכע געהט אראב אויפ׳ן מענשען, אין זעלטענע מינוטען און הויבט איהם אויף ביז די העכסטע שפיצען פון התפעלות, האט ווערנער פלוצים דערזעהן אי דאס לעבען אי דעם טויט, און איבעראשט געווארען פון דער פראכט פון אונגעהערטען בילד. גלייך ווי וואלט געהן אויף א שמאלען, ווי די שארף פון מעסער, העכסטען בארג־רוקען, און אויף איין זייט זעהן דאס לעבען, און אויף דער צווייטער זעהן דעם טויט, ווי צוויי בלאסקענדיגע, טיפע, שענע ימ׳ען, וואס גיסען זיך צונויף ביים האריזאנט אין איין אונבעגרענצט־ברייט רחבות.

— וואס איז דאס! וואס פאר א געטליך בילד! — האט ער לאנגזאם ארויסגערעדט, אויפהויבענדיג זיך נישט ווילענדיג און אויסגלייכענדיג זיך, ווי אין געגענווארט פון א העכערען וועזען. און פערניכטענדיג די ווענט, די רו[illegible] און די צייט מיט דער שנעלקייט פון אלי־

דורכדרינגענדעם בליק, האט ער ברייט אַ קוק געטון ערגעץ אין די טיף פון לעבען, וואס פערלאזט.

און ניי ערשינען איז דאס לעבען. ער האט נישט געפרובט, ווי פריהער, פערפעסטיגען מיט ווערטער דאס דערזעהענע, איבריגענס, נישט געוועזען איז אַזעלכע ווערטער אויף דער אַלץ נאך אָרימער, אַלץ נאך אָרמזעליגער מענשליכער שפּראך. דאס קליינינקע, שמוציגע און שלעכטע, וואס האט געוועקט אין איהם פעראַכטונג צו די מענשען און צייטענווייז אַרויסגערופען אפילו עקעל צום אויסזעהן פון מענשליכען געזיכט, איז פערשוואונדען אינגאַנצען: אַזוי פּונקט אַ מענש, וואס האט זיך אויפגעהויבען אויף אַ לופט-באַלאָן, פערשוואונדען דאס מיסט און קויט פון שמאָלע גאַסען פון פערלאָזטען שטעדטעלן און שענדליכקייט פון הייזליכען.

מיט אומבעוואוסטזיניגער בעוועגונג האט װ ע ר נ ע ר אַ שפּרייז געטון צום טיש און אָנגעשפּאַרט זיך אויף איהם מיט דער רעכטער האַנד. שמאָלצער און מעכטיגער פון דער נאַטור, האט ער קיינמאָל נאך נישט אָנגענומען אַזאַ שמאָלע, פרייע און מעכטיגע פּאָזע, נישט אויסגעדרעהט דעם האַלז אַזוי, נישט געקוקט אַזוי, — ווייל קיינמאָל נאך נישט געוועזען אַזוי פריי און מעכטיג, ווי דאָ, אין טורמע, עטליכע שעה פאַר הינריכטונג און טויט.

און ניי זענען איהם פאָרגעשטאַנען די מענשען, ניי ליב און חנ׳ודיג האָבען זיי זיך אויסגעזעהען זיין אויסגעלייטערטען בליק. שוועבענדיג איבער דער צייט, האט ער דערזעהן קלאָר, ווי יונג איז די מענשהייט, וואס האט ערשט נעכטען ווי אַ חיה געוואויעט אין די וועלדער, און דאס, וואס האט אויסגעזעהען גרויזאַם אין די מענשען, אונפערצייבאַר און פּאַסקודנע, איז פּלוצים געוואָרען זיס — ווי ס׳איז זיס אין קינד זיין נישט קענען געהן מיט׳ן גאַנג פון אַ דערוואַקסענעם, זיין צומישט פּלאַפּלען, וואס גלאַנצט מיט פונקען פון גאונות, זיינע לעכערליכע נאַרישקייטען, פעהלערען און שווערע וואונדען.

— זיסע מיינע! — האט פּלוצים אַ שמייכעל געטון װ ע ר נ ע ר און מיט אַמאָל פערלוירען די אימפּאָזאַנטקייט פון זיין פּאָזע, צוריק געוואָרען אַרעסטאַנט, וועלכען ס׳איז ענג און אונבעקוועם אין געפענגניס, און לאַנגווייליג אַביסעל פון דעם איינגעזעסענעם פאַרשעהרען אויג, וואס שטעקט אין דער טיר. און מאָדנע: כמעט פּלוצלינג האט ער פּאַרגעסען אַלץ, וואס האט דערזעהן נאר וואס אַזוי בולט און קלאָר; און

נאך מאדנער — אפילו דערמאנען זיך נישט געפרובט. פשוט אנידער־געזעצט זיך בעקוועמער, אהן דער געוועהנליכער טריקענקייט אין דער פאזע, און מיט א פרעמדען, נישט ווערנערישען, שוואכען און זאפטען שמייכעל בעטראכט די וועגט און קראטעס. געטראגען האט זיך נאך עפעס נייעס, וואס איז קיינמאל נישט געווען מיט ווערנער'ן: ער האט זיך פלוצים צווויינט.

— זיסע חברים מיינע! — האט ער געמורמעלט און געוויינט בימער.

— זיסע חברים מיינע!

מיט וואסערע געדיימע וועגען געקומען איז ער פון געפיהל פון שוואלבער און אונבעגרענצטער פרייהייט צו דעם צערטליכען און ליידענשאפטליכען רחמנות? ער האט נישט געוואוסט און נישט גע־טראכט פון דעם. און צי האט ער רחמנות געהאט אויף זיי, זיינע זיסע חברים, צי עפעס אנדערש, נאך מעהר הערכערעס און ליידענשאפט־ליכעס האבען פערבארגען אין זיך זיינע טרערען, אויך דאס האט נישט געוואוסט זיין פלוצים אויפגעלעבטעס, פערטריבטעס הארץ. געוויינט און געמורמעלט:

— זיסע חברים מיינע! זיסע חברים מיינע!

אין דעם בימער־וויינענדיגען און דורך די טרערען שמייכלענדיגען מענש וואלט קיינער נישט אנערקענט דעם קאלטען און נאוהידיגען, מוטיגען און חוצפהדיגען ווערנער — נישט די שופטים, נישט די חברים, נישט ער אליין.

XI.

מ׳פיהרט זיי.

עהדער מען האט די פערורטיילטע צוזעצט אין קאמערען, האט מען אלע פינף צוזאמענגענומען אין א גרויס קאלט צימער מיט א געוועהליב־סיפיט; עהנליך צו א קאנצעלאריע, אין וועלכער מען אר־בייט מעהר נישט, אדער צו א לעדיגען ווארטע־זאל. און ערלויבט צו רעדען צווישען זיך.

אבער נאר טאניא קאוואלטשוק האט גלייך אויסגע־נוצט דאס ערלויבעניש. די איבריגע האבען שווייגענדיג און פעסט גע־דריקט די הענט, קאלטע, ווי אייז, און הייסע, ווי פייער. — און שוויי־

גענדיג, סטאַרענדיג זיך ניט צו קוקן איינער אויפֿן אַנדערן, זיך אויסגעמישט אין אַ אומבאַקוועם צעוואָרפֿענעם היפֿעל. איצט, ווען זיי זענען געווען צוזאַמען, האָבן זיי זיך ווי געשעמט פֿאַר דעם, וואָס יעדער פֿון זיי האָט איבערגעלעבט אין איינזאַמקייט; און קוקן מורא געהאַט, כדי נישט צו דערזעען און נישט צו ווייזן דאָס נייע, באַזונדערע, אַ ביסעל שעמעוודיגע, וואָס יעדער האָט געפֿילט צי חושד געווען אין זיך.

נאָר איינמאָל, ס׳צווייטע אַ קוק געטון, אַ שמייכעל געגעבן, און מיט אַמאָל דערפֿילט זיך באַקוועם און פּראָסט, ווי פֿריִער: קיין שום שנוי איז נישט פֿאָרגעקומען, און אויב ס׳איז אַפֿילו יאָ פֿאָרגעקומען עפּעס, האָט עס זיך אַזוי אַלצאיינס געלעגט אויף אַלע, אַז פֿאַר יעדן באַזונדער געוואָרן אומבאַמערקט. אַלע האָבן גערעדט און באַוועגט זיך מאָדנע: געוויסע, מיט ריסן, אָדער צו פּאַוואָליע, אָדער צו גיך; אַמאָל זיך פֿערחלינעט מיט ווערטער און פֿיל מאָל איבער׳חזרט ווי, אַמאָל נישט דערענדיגט די אָנגעהויבענע פֿראַזע און גערעכנט ווי פֿאַר געזאָגט — נישט באַמערקט עס. אַלע האָבן געמישט די אויגן און ניגידיג, נישט דערקענענדיג, באַטראַכט די איינפֿאַכע זאַכן, ווי מענשן, וועלכע זענען געגאַנגען אין ברילן און האָבן זיי פּלוצים אויסגעטון; און אַלע האָבן אָפֿט און שאַרף זיך אומגעקוקט, גלייך ווי די גאַנצע צייט וואָלט זיי פֿון הינטן עמיצער גערופֿן און עפּעס אונטערגעזאָגט. אָבער נישט באַמערקט האָבן זיי אויך דאָס. ביי מוסיאַ און טאַניאַ קאָוואַלטשוק האָבן די באַקן און די אויערן געברענט; סערגיי איז תחלת געווען עטוואָס בלאַס, נאָר גיך געקומען צו זיך און געוואָרן אַזאַ ווי שטענדיג.

און נאָר אויף וואַסילי איז מען אויפֿמערקזאַם געוואָרן. אַפֿילו צווישן זיי איז ער געווען אומגעוועדלעך און שרעקלעך. ווערנער האָט אויפֿגעצאַפּעלט און שטיל געזאָגט צו מוסיאַ מיט צערטליכער באַזאָרגטקייט:

— וואָס איז מוסיעטשקע? איז מעגלעך, ער זאָל — יאַנקע מעשה, אַ? וואָס? מען דאַרף צו איהם.

וואַסילי האָט פֿון ערגעץ פֿון דער ווייטענס, גלייך ווי נישט דערקענענדיג, אַ קוק געטון אויף ווערנער׳ן און אַראָפּגעלאָזט די אויגען.

— וואַסיאַ, וואָס איז מיט דײַנע האָר, אַ? מיט דיר וואָס איז? גאָר ניִשט, ברידער, גאָר ניִשט, באַלד זיך ענדיגען. מען דאַרף זיך האַלטען, מ'דאַרף, מ'דאַרף.

וואַסילי האָט געשוויגען. און ווען עס האָט זיך שוין אָנגע־הויבען אויסצוווייזען, אַז ער וועט מאַקי גאָר ניִשט זאָגען, — איז געקומען אַ טויבער, פערשפּעטיגטער, שרעקליך־ווילדער ענטפער: אַזוי אויף פיעלע רופען וואָלט געקענט ענטפערן דער קבר:

— איך גאָר ניִשט. איך האַלט מיך.

און איבערגעחזרט:

— איך האַלט מיך.

וואַגנער האָט זיך דערפרייט.

— אָט, אָט. אַ וואוילער יונג. אַזוי, אַזוי.

נאָר בעגעגענט דעם מאָנקעלען, שווערען, פון טיפסטער ווייט־קייט אָנגעשטעלטען בליק און אַ טראַכט געגעבען מיט אויגענבליקליכען וועה: פון וואַנעט קוקט ער? פון וואַנעט רעדט ער? און מיט טיפער צערטליכקייט, ווי מען רעדט נאָר צו אַ קבר, געזאָגט:

— וואַסיאַ, הערסט? איך ליעב דיך זעהר.

— איך האָב דיך אויך זעהר ליעב, — האָט געענטפערט, שווער איבערדרעהענדיג זיך, די צונג.

פלוצים האָט מוסיאַ אָנגענומען וואַגנער'ן פאַר די האַנד און שטאַרק, ווי אַן אַקטריסע אויף דער סצענע, אויסדריקענדיג פער־וואונדערונג, געזאָגט:

— וואַגנער, וואָס איז מיט דיר? דו האָסט געזאָגט: כ'ליעב! דו האָסט קיינמאָל קיינעם ניִשט געזאָגט: כ'ליעב. און פאַר וואָס ביסט דו איינגאַנצען אַזוי... ליכטיג און ווייך? אַ, וואָס?

און ווי אַן אַקטיאָר, אויך שטאַרק אויסדריקענדיג דאָס, וואָס ער האָט געפיהלט, האָט וואַגנער פעסט געדריקט מוסיאַ'ס האַנד:

— יאָ, איך האָב איצט זעהר ליעב. זאָג ניִשט די אַנדערע, מען דאַרף ניִשט, כ'שעם זיך, נאָר איך האָב זעהר ליעב.

בעגעגענט האָבען זיך ביידע בליקען, און אויפגעפלאַקערט העל, און אַלץ האָט אויסגעלאָשען אַרום: אַזוי אין אויגענבליקליכער שיין פון בליץ לעשען־אויס אַלע אַנדערע פייערן און ס'וואַרפט אויף דר'ערד אַ שאָטען דער סאַמע געלער, שווערער פלאַם.

— יאָ, האָט געזאָגט מוסיאַ. — יאָ, וואַגנער.

— יאָ, — האָט ער געענטפֿערט. — יאָ, מוסיאַ, יאָ!

פֿערשטאַנען איז געוואָרען עפּעס און בעשטימט פֿון זיי אינערשייערליך. און, לײַכטענדיג מיט די בליקען, האָט ווערנער ווידער אויפֿגעטאַפּעלט און שנעל זיך אַלאָז געטון צו סערגיי.

— סערעזשע!

נאָר געענטפֿערט האָט טאַניאַ קאָוואַלטשוק. אין ענטציקונג כמעט וויינענדיג פֿון מוטערליכען שטאָלץ, האָט זי ווילד געריסען סערגיי'ן פֿאַר'ן אַרבעל.

— ווערנער, דער נאַר! איך וויין דאָ איבער איהם, איך גיב מיר דאָס לעבען, און ער — פֿערנעמט זיך מיט גימנאַסטיק!

— נאָך מיללער? — האָט אַ שמייכעל געטון ווערנער.

סערגיי האָט זיך פֿערשעמט און פֿערחמאַרעט:

— דו לאַכסט אומזיסט, ווערנער. איך האָב זיך פֿאָלקאָם איבערצייגט...

אַלע האָבען זיך צולאַכט. אין בערירונג איינער מיט'ן אַנדערען שעפּענדיג פֿעסטקייט און קראַפֿט, זענען זיי ביסליכווייז געוואָרען אַזעלכע, ווי פֿריהער, נאָר נישט בעמערקט אויך דאָס, געמיינט אַז זענען אַלץ די זעלבע. פּלוצים האָט ווערנער אָבגעריסען סיגעלעכטער און מיט אומגעוויינטער ערנסטקייט געזאָגט צו סערגיי:

— דו ביסט גערעכט, סערעזשע. דו ביסט פֿאָלקאָם גערעכט.

— נײַן, דו פֿערשטעה, — האָט זיך דערפֿרעהט גאָלאָווין. — געווים, מיר...

אָבער דאָ האָט מען פֿאַרגעלעגט פֿאָהרען. און געווען אַזוי פֿאַרנעהם, אַז ערלויבט זיך צוזעצען פּאָרעטווייז, ווי זיי ווילען. און בכלל געווען זעהר, זאָגאַר איבערטריבען פֿאָרנעהם: צו בעמיהט זיך אַרויסזייזען זייער מענשליכע בעציהונג, צו ווייזען, אַז זיי זענען דאָ גאָר נישטאָ, און אַלץ טוט זיך פֿון זיך זעלבסט. נאָר געווען בלייך.

— דו, מוסיאַ, מיט איהם, — האָט אָנגעוויזען ווערנער אויף זאַסילי, וואָס איז געשטאַנען אומבעוועגליך.

— כ'פֿערשטעה, — האָט אַ שאָקעל געטון מוסיאַ מיט'ן קאָפּ.

— און דו?

— איך? טאַניאַ מיט סערגיי'ען, דו מיט וואַסיאַ... איך אַליין! זאָרג נישט, איך קאָן דאָך, דו ווייסט.

ווען מ'איז אַרויסגעגאַנגען אין הויף, האָט די פֿייכטע פֿינצטערניש ווייך, נאָר וואַרים און שטאַרק אַ שלאָג געטון אין פּנים, אין די אויגען, פֿאַרהאַפּט דעם אָטעם, פּלוצים ריינינגענד אין זאַפּט דורכדרונגען דאָס אינגאַנצען אויפֿגעצאַפּעלטע לייב. שווער איז געווען צו גלויבען, אַז דאָס וואונדערליכע — איז פּשוט אַ פֿרילינגדיגער ווינט, אַ וואַרימער, פֿייכטער ווינט. און אַ אמתע וואונדערליכע פֿרילינגחנגע מאַכט האָט אַ שמעק געטון מיט צוגעהערען שניי, — אינגעגרענצטער ברייטקייט, אָנגעהויבען קלינגען מיט טראָפּענס. פֿערטון און אָפּט, וועריאָגענדיג איינער דעם אַנדערען, זענען געפֿאַלען שנעלע טראָפּענדלעך און ברודערליך געשטעמפּעלט אַ הילכיג ליד; נאָר פּלוצים וועט איינע פֿאַרלירען דעם טאַקט און אַלץ וועט זיך פֿאַרפּלאָנטען אין פֿריילעכען פּלעסק, אין אײַלענדיגער מהומה. און דערנאָך וועט אַ קלאַפּ טון האַרט אַ גרויסער, שווערענער טראָפּען, און ווידער אויסגלייכליך און הילכיג שטעמפּעלט זיך דאָס אײַלענדיגע פֿרילינגס־ליעד. און איבער דער שטאָדט, איבער די פֿעסטונגס־דעכער, איז געשטאַנען דער בלאַסער אָבשיין פֿון עלעקטרישע פֿייערן.

— אָ—אַך! — האָט ברייט אָבגעאָטעמט סערגיי גאָלאָווין און איינגעהאַלטען דעם אָטעם, גלייך ווי קאַרגענדיג אַרויסצולאָזען פֿון די לונגען אַזאַ פֿרישע און שענע לופֿט.

— לאַנג אַזאַ וועטער? — האָט אַ פֿרעג געטון ווערנער. — אינגאַנצען פֿרילינג.

— ערשט דעם צווייטען טאָג, — איז געווען דער פֿאַרנעהמער און העפֿליכער ענטפֿער. — אַזוי אַלץ פֿרעסט.

איינע נאָך דער אַנדערע זענען וויך צוגעלאָפֿען די פֿינסטערע קאַרעטען, גענומען צו צוויי, אַוועקגעגאַנגען אין פֿינסטערניש, אַהין, וואו ס'האָט זיך געווינט אונטער'ן טויער דער לאַמטערן. גרויסע סילועטען האָבען אַרומגערינגעלט יעדען וואָגען — וואַך־סאָלדאַטען, און די פּאָדקאָוועס פֿון זייערע פֿערד האָבען געטיאָקעט הילכיג, אָדער געהלאַפּעט אין נאַסען שניי.

ווען ווערנער האָט איינגעבויגען, גענומען קריכען אין קאַרעטע, האָט דער זשאַנדאַרם געזאָגט אומבעשטימט:

— דאָ מיט אייך פֿאָהרט נאָך איינער.

ווערנער האָט זיך פֿערוואונדערט:

— וואוהין? וואוהין זשע פאָהרט ער? אַך, יאָ! נאָך איינער? ווער זשע איז עס?

דער סאָלדאַט האָט געשוויגן. ווירקליך, אין ווינקעל פון קאַרעטע, אין פינסטערניש, האָט זיך געטוליעט עפּעס אַ קליינטשיקעס, אומבעוועגליכעס, נאָר לעבעדיגעס — אין ווייטיגען שטראַהל פון לאַמטערן האָט אַ גלאַנץ געטאָן אַן אָפּען אויג. וועגענדיג זיך, האָט ווערנער איהם אַ שטופּ געטאָן מיט דער קניה.

— פערצייט, חבר.

יענער האָט נישט געענטפערט. און נאָר, ווען די קאַרעטע האָט געריהרט, פּלוצים געפרעגט אויף אַ צובראָכענער רוסישער שפּראַך, יאָנקענדיג זיך:

— ווער זענט איהר?

— איך בין ווערנער, פערמשפּט צום הענגען פאַר אַטענטאַט אויף ג. ג. און איהר?

— איך — יאַנסאָן. מען דאַרף מיך נישט הענגען.

זיי זענען געפאָהרען, אום אין צוויי שעה אַרום פאַרשטעהן פאַר'ן געריכט פון דעם אונגעלעזטען גרויסטען געהיימניס, פון לעבען איבערגעהן אין טויט — און בעקאַנט זיך. אין צוויי איבערפלעכען זענען איינצייטיג געגאַנגען לעבען און טויט, און ביז צום סוף, ביז די לעכערליכסטע און אומבעלומפּערטסטע קליינגקייטען, איז ס'לעבען געבליבען לעבען.

— און איהר וואָס האָט געטאָן, יאַנסאָן?

— איך האָב דעם בעל-הבית געשטאָכען מיט אַ מעסער. געלד געגנבעט.

נאָכן קול האָט זיך געדאַכט, אַז יאַנסאָן שלאָפט-איין. אין פינסטערניש האָט ווערנער געפונען זיין אָבהענגענדיגע האַנד און געדריקט. יאַנסאָן האָט אָבהענגענדיג אָבגענומען די האַנד.

— האָסט מורא? — האָט געפרעגט ווערנער.

— איך וויל נישט.

זיי זענען אַנשוויגען געוואָרען. ווערנער האָט ווידער געפונען די האַנד פון יענעם און פעסט געדריקט זי צווישען זיינע טרוקענע און הייסע דלאָניעס. געלעגען איז זי אונבעוועגליך, ווי אַ ברעטעלע, נאָר אָבנעמען זי האָט יאַנסאָן מעהר נישט געפּרובט.

אין קארעטע איז געווען ענג און דושנע, געשמעקט מיט סאלדאטסקע געוואנט, דומפיגקייט, קויט און לעדער פון נאסע שטיוועל. דער יונגיטשקער זשאנדארם, וואס איז געזעסן אנטקעגן ווערנער'ן, האט היים געאטעמט אויף אידם מיט געמישטען ריח פון ציבעלעס און טיטון. נאר דורך עפעס פאר א שפארעס האט זיך א דורכגעשלאגען א שארפע און פרישע לופט, און דערפון, האט אין קליינעם, דושנעם, בעוועגליכען קעסטעל דער פרילינג זיך געפיהלט נאך שטארקער, ווי דרויסען. די קארעטע האט פערקערעוועט דאס רעכטס, דאס לינקס, דאס ווי אומגעקעהרט צוריק; געהאכט האט זיך אמאל, אז שוין גאנצע שעה'ען דרעהען זיי זיך עפעס אויף איין ארט. תחלת האט דורך די אראבגעלאזטע געדעכטע פארהענגלעך אויף די פענסטער זיך אדורכגעשלאגען בלויליכעס עלעקטרישעס ליכט; דערנאך פלוצים, נאך איין קעהר איז פינסטער געווארען, און נאר דערפון, האט מען זיך געקאנט אנשטויסען אז זיי האבען פערקערעוועט אין די טויבע עקגאסען און דערנעהענטערן זיך צו ס—סער באנהויף. ווען-ניט-ווען ביי שארפע קעהרען האט די לעבעדיגע, צונויפגעבויגענע קניה ווערנער'ס ברודערליך געשלאגען זיך אן אזא אייגענע לעבעדיגע צונויפגעבויגענע קניה פון דעם זשאנדארם, און שווער איז געווען צו גלויבען אין טויטשטראף.

— וואוהין פאהרען מיר? — האט פלוצים א פרעג געטאן יאנסאן. ביי אידם האט זיך לייכט געדרעהט דער קאפ פון לאנגען דרעהען אין פינסטערען קאסטען און א ביסעל ניט גוט געווען.

ווערנער האט געענטפערט און שטארקער צוגעדריקט די האנד פון עסט. ס'האט זיך געוואלט זאגען עפעס בעזונדערס פריינדליכעס דעם קליינינקען, שלעפעריגען מענש, און שוין געליבט האט ער אידם אזוי, ווי קיינעם אין לעבען.

— ליבער! דיר איז, דאכט זיך, ניט בעקוועם צו זיצען. רוק זיך צו, אהער, צו מיר.

יאנסאן האט געשוויגען און געענטפערט:

— נו, א דאנק, ס'איז מיר גוט. און דיך וועט מען אויך הענגען?

— אויך! — האט אונערווארטעט-פריילוך, כמעט מיט געלעכטער געענטפערט ווערנער און עפעס בעזונדערס פריי און גרינג א מאך געטאן מיט דער האנד. גלייך ווי ס'וואלט זיך גערעדט פון עפעס;

אימיעלומפערטען און פיסטען שפאס, וועלכען ס'ווילען דורכמאכען אויף איהם ליבע, נאר זעהר לאכענדיגע מענשען.

— א ווייב האסטו?

— ניין. וואס פאר א ווייב! איך בין איינער.

— איך בין אויך איינער. איינע, — האט זיך פעריכט יאנסאן, א טראכט געבענדיג.

אויך ביי ווערנער'ען האט זיך אנגעהויבען דרעהען דער קאפ. און געדאכט האט זיך מינוטענווייז, אז זיי פאהרען אויף עפעס א יום־טוב; מאדנע, נאר כמעט אלע, וואס זענען געפאהרען צו דער היגריכטונג, האבען געשפירט דאס זעלבע און צוזאמען מיט זעהמיט און פחד, זיך געפרייט מיט דעם אויסערגעוועהנליכען, וואס וועט באלד פארקומען. בעטרונקען האט זיך די ווירקליכקייט מיט משוגעת און געשפענסטער האט געבוירען דער טויט, וואס האט זיך בעהעפט מיט'ן לעבען.

— אט זענען מיר געקומען! — האט געזאגט ווערנער נייגיריג און פריילוך, ווען די קארעטע האט זיך אפגעשטעלט, און איז לייכט ארויסגעשפרינגען. נאר מיט יאנסאן'ען האט זיך די זאך פער־צויגען: שווייגענדיג און עפעס זעהר אבהענדיג האט ער זיך איינגע־שפארט און נישט געוואלט ארויסגעהן. וועט זיך אנחאפען פאר די קלאמקע — דער זשאנדארם וועט צונעמען די קראפטלאזע פינגער און אבררייסען די האנד; וועט זיך אנחאפען פאר'ן ווינקעל, פאר די טיר, פאר'ן הויכען ראד — און באלד, ביי שוואכער אנשטרענגונג פון זשאנ־דארם, אבלאזען. אפילו נישט געחאפט, נאר גיכער שלעפעריג צוגע־קלעבט האט זיך צו יעדער זאך דער שווייגענדיגער יאנסאן — און אבגעריסען זיך לייכט און אהן אנשטרענגונגען. ענדליך, אויפגע־שטאנען.

קיין פאהנען איז נישט געוועזען. ווי געוועהנליך ביינאכט איז פינסטער, לעדיג און טויט געוועזען דער באהנהויף; פאסאזשיר צוגען זענען שוין נישט געגאנגען, און פאר דעם צוג, וועלכער האט אויפ'ן וועג שטום געווארט אויף די פאסאזשירען, האט מען נישט בעדארפט נישט קיין העלע פייערן, נישט קיין גערודער. און פלוצים איז ווער־נערען געווארען לאנגווייליג. נישט שרעקליך, נישט בענגליך, — נאר לאנגווייליג מיט א געוואלדיגער, צידערנדיגער, קיילענדער לאנגווייליג־קייט, פון וועלכער עס ווילט זיך ערגעץ אוועקגעהן, זיך לעגען, פער־

מאַכען שטאַרק די אויגען. ווערנער האָט זיך אַ ציה געטהון און לאַנג געגעענעצט. זיך אַ ציה געטהון און שנעל, עטליכע מאָל נאָכאַנאַנד אַ געגעץ געטהון האָט אויך יאַנסאָן.

— הערשט ניכער! — האָט געזאָגט ווערנער מיד. יאַנסאָן האָט געשוויגען און זיך געטולעט.

ווען אויף דער לעדיגער פּלאַטפאָרם, אַרומגערינגעלטער מיט כאַלדאַטען, האָבען די פערמשפּטע זיך בעוועגט צו די טריב-בעלויכטענע וואַגאָנעס, איז ווערנער אויסגעקומען נעבען סערגיי גאָלאָווין; און יענער, ווייזענדיג ערגעץ אין אַ זייט מיט דער האַנד, האָט אָנגעהויבען צו רעדען, און מען האָט קלאָר געהערט נאָר דאָס וואָרט „לאַמטערן", און די ענדע האָט געזונקען אין לאַנגען און מידען געגעץ.

— וואָס זאָגסטו? — האָט געפרעגט ווערנער, ענטפערענדיג אויך מיט אַ געגעץ.

— דער לאַמטערן. דער לאָמפּ אין לאַמטערן רויכערט, — האָט געזאָגט סערגיי. ווערנער האָט זיך אומגעקוקט: ווירקליך, אין לאַמטערן האָט שטאַרק געראויכערט דער לאָמפּ און שוין שוואַרץ זענען געוואָרען פון אויבען די שויבען.

— יאָ, רויכערט.

און פּלוצים אַ טראַכט געטהון: און וואָס גערדט מיך, איבריגענס אָן, אַז דער לאָמפּ רויכערט, ווען... דאָס זעלבע, ווי עס שיינט, האָט אַ טראַכט געטהון אויך סערגיי: גיך אַ קוק געטהון אויף ווערנערען און זיך אַוועקגעדרעהט. נאָר געגעעצען האָבען זיי ביידע אויפגעהערט.

אַלע זענען צו די וואַגאָנעס געגאַנגען אַליין, און נאָר יאַנסאָנען האָט מען געמוזט פיהרען אונטער די הענט: פריהער האָט ער זיך איינגעשפּאַרט מיט די פיס און גלייך ווי צוגעקלעפּט די פּאָדעשוועס צו די ברייטער פון דער פּלאַטפאָרם, דערנאָך אונטערגעבויגען די קניהען און געבליבען הענגען אויף די הענט פון זשאַנדאַרם, די פיס זיינע האָבען זיך געשלעפּט, ווי ביי אַ שטאַרק שכורען, און [illegible] ידראַפּסיט דאָס האָלץ. און אין טיר האָט מען איהם דורכגעשטופּט לאַנג, נאָר שווייגענדיג.

בעוועגט האָט זיך אַליין אויך וואַסילי קאַשירין, אונקלאָר קאָפּירענדיג די בעוועגונגען פון די חברים — אַלץ געטהון, ווי זיי. נאָר צוריפגעהענדיג אויפ'ן גאַנעקעל פון וואַגאָן, האָט ער זיך אויסגע-

גליטשעט, און דער זשאנדארם האט איהם אנגעהאפט פאר'ן עלענבויגען, אום אונטערצוהאלטען, — וואסילי האט זיך אנגעהויבען טרייסלען און א געשריי געטון שארף, אברייסענדיג די האנד:

— אי!

— וואסיא, וואס איז מיט דיר? — האט זיך ארים געטון צו איהם ווערנער. וואסילי האט געשוויגען און זיך געטרייסעלט שווער. פערשעמט און זאגאר געקרענקט האט דער זשאנדארם ערקלערט:

— איך האב זיי געוואלט אונטערהאלטען, און זיי...

— קום, וואסיא, איך וועל דיך אונטערהאלטען, — האט געזאגט ווערנער און געוואלט איהם נעמען פאר די האנד. נאר וואסילי האט צוריקגעהאפט די האנד און נאך העכער א געשריי געטון:

— אי!

— וואסיא, דאס בין איך, ווערנער.

— כ'ווייס. טשעפע מיך נישט. כ'וועל אליין.

און, ווייטער טרייסלענדיג זיך, אליין אריינגעגאנגען אין וואגאן און זיך געזעצט אין ווינקעל. אנבויגענדיג זיך צו מוסיא, האט ווערנער שטיל געפרעגט בייַ איהר, אנווייזענדיג מיט די אויגען אויף וואסילי:

— נו, ווי?

— שלעכט, — אויך שטיל האט געענטפערט מוסיא. — ער איז שוין געשטארבען. ווערנער, זאג מיר, איז דען דא טויט?

— איך ווייס נישט, מוסיא, נאר כ'מיין, אז ניין, — האט געענטפערט ווערנער ערנסט און פערקלערט.

— כ'האב אזוי געמיינט. און ער? איך בין אבגעקומען מיט איהם אין קארעטע, גלייך ווי כ'וואלט מיט א טויטען געפאהרען.

— איך ווייס נישט, מוסיא. אפשר איז פאר אייניגע דער טויט יא דא. דערווייל, און דערנאך וועט ער גאר נישט זיין. אט אויך פאר מיר איז דער טויט געווען, און איצט איז ער נישטא.

די בעטהיגע פערבליכטע באקען מוסיא'ס האבען זיך אנגעצינדען:

— געווען, ווערנער? געווען?

— געווען. איצט נישטא. ווי פאר דיר.

אין דער טיר פון וואגאן האט זיך דערהערט א גערויש. הויך קלאפענדיג מיט די קנאפעל, הויך אטעמענדיג און אויסשפייענדיג, איז

אַרײַנגעקומען מישקאַ ציגאַנאָק. אַ בליץ געטאָן מיט די אויגן און זיך צעגעשמייכלט אײַנגעשפּאַרט:

— דאָ איז קיין ערגער נישטאָ, זשאַנדאַרם? — האָט ער אַ געשריי געטאָן דעם מידען, בייזקוקנדיקן זשאַנדאַרם. — די גיב מיר צוריי, אַז פרײַ, אויב נישט — פאָר איך נישט, הענג דאָ, אויפֿן לאַמטערן. אויך אַ קאַרעטע געגעבן, הײַנט — איז דאָס דען אַ קאַרעטע! אַ מיסט-קאַסטען, נישט אַ קאַרעטע!

נאָר פּלוצים אָנגעבויגן דעם קאָפּ, אויסגעצויגן דעם האַלז, און אַזוי געגאַנגען פאָרויס, צו די אַנדערע. פון דעם צעשויבערטן שימעל פון די האָר און באָרד האָבן די שוואַרצע אויגן זײַנע געקוקט ווילד און שאַרף, מיט עטוואַס וואַנזיניגען אויסדרוק.

— אַ! באַטעניו! — האָט ער אַ ציה געטאָן. — אָט וואָס. וואָס מאַכסטו, באַרין.

ער האָט אַ שטופּ געטאָן ווערנער'ן די האַנט און זיך גע- וועצט נעבן אים. און אָנבויגנדיק זיך נאָענט, אַ ווינק געטאָן מיט איין אויג און זיך איבערגעפּרו'ט מיט דער האַנט איבערן האַלז.

— אויך? אַ?

— אויך! — האָט אַ שמייכל געטאָן ווערנער.

— קאָן דען זײַן, אַז אַלע?

— אַלע.

— אַהאַ! — האָט אויסגעשפּריצט די ציין ציגאַנאָק און נאָך אַ מאָל געטאָן מיט די אויגן אַלע, גליך אָנגעבליקט לענגער אָפּ- געשטעלט זיך אויף מוסיאַ און יאַנסאָן. און ווידער אַ ווינק געטאָן צו ווערנער'ן:

— אַ מיניסטער?

— אַ מיניסטער. און דו?

— איך, באַרין, פאַר אַנאַנדערע זאַך. ווי קומען מיר צו אַ מיניסטער! איך, באַרין, בין אַ רויבער, אָט ווער איך בין. רוצח. גאָר נישט, באַרין, גיב זיך אַ ריק, נישט פון אײגענעם ווילן אַרײַנגעקראָכן אין די קאָמפּאַניע. אויף יענער וועלט וועט פאַר אַלע גענוג קלעקן.

ער האָט ווילד, פון-אונטער די צעשויבערטע האָר, אַדורכגענומען אַלע מיט איין גיכן, מיסטרויליכען בליק. נאָר אַלע האָבן געקוקט אויף אים שווײַגנדיק און ערנסט און זאָגאַר מיט דייטליכען מיטגע-

פּיהל. האָט אויסגעשטשערעט די ציין און גיך עטליכע מאָל אַ קלאַפּ געטאָן ווערנערען איבער דער קניה.

— אַזוי, באַרין! ווי ס׳זינגט זיך אין לידעל: נע שומי טי, מאַט, זעלענאַיאַ דובראַוואושקאַ.

— צו וואָס רופסטו מיך באַרין, ווען מיר אַלע...

— אמת, — האָט מיט פערגניגען מסכּים געווען ציגאַנאָק. וואָס פאַר אַ באַרין ביסטו, אויב וועסט הענגען געבען מיר! אָט ווער גם איז דער באַרין, — ער האָט אַ שטופּ געגעבען דעם פינגער אויף יעם שווייגענדיגען זשאַנדאַרם. — ע, און אָט יענער אַייערער, איז ניש גרינגער פון אונז, — האָט ער אָנגעוויזען מיט די אויגען אויף וואַסילי באַרין, אַ באַרין, האָסט מורא, אַ?

— גאָר נישט, — האָט געענטפערט, קוים איבערדרעהענדיג זיך די צונג.

— נו וואָסער גאָר נישט איז דאָ. דו שעם זיך נישט, דאָ איז נישטאָ פאַר וואָס זיך צו שעמען. נאָר אַ הונד דרעהט דאָס מיט׳ן שוואַנץ, און שטשערעט די ציין, ווען מען פיהרט איהם הענגען און דו ביזט דאָך אַ מענש. און דער וועד איז, מיט די שמאַטערדיגע אויגען? דער איז נישט פון אייערע?

ער איז גיך איבערגעשפרינגען מיט די אויגען און אונאויפהערליך, זשומענדיג, אויסגעשפּיגען די אָנלויפענדע, זיסע סלינע. יאַני כאָן, ווי אַן׳אונבעוועגליך קנוילעכעל צוגעטולעט אין ווינקעל, האָט לייכט אַ ריהר געטאָן מיט די פליגעל פון זיין אָבגעקראָכען פוטער היטעל, נאָר גאָר נישט געענטפערט. געענטפערט פאַר איהם האָט ווערנער.

— אַ בעל-הבית געקוילעט.

— גאָטעניו! — האָט זיך פערוואונדערט ציגאנאָק: און ווי ער לויבט מען אַזעלכע צו קוילען מענשען!

שוין לאַנג, פון דער זייט, האָט ציגאַנאָק זיך צוגעקוקט צו מוסיאַ; און איצט, שנעל אויסגעדרעהט זיך, שאַרף און גלייך זיך אָנגעשטעלט אין איהר.

— באַרישניאַ, אַ, באַרישניאַ! וואס מיינט איהר זיך עפּעס אי די בעקלעך ראָזענקע אי לאַכט. קוק, זי לאַכט טאַקי! און אמת׳ן - האָט ער אָנגעהאַפּט ווערנער׳ען פאַר די קניה מיט די שאַרפע ווי אייזערנע פינגער. — קוק, קוק!

רויט געוואָרען, מיט עטוואָס פערשיימטען שמייכעל, האָט מוסיא אויך גלייך געקוקט אין זיינע שוואַרצע, עטוואָס משוגענע, שווער און ווילד פרעגענדיגע אויגען.

אַלע האָבען געשוויגען.

חראַבנע און געשעפטליך האָבען געקלאַפּט די רעדער, קליינע וואַגאָנטשיקעס האָבען אונטערגעשפּרונגען אויף די שמאָלינקע שינעס און פלייסיג געלאָפען. אָט אויף אַ קעהר אָדער ביי אַ וועג האָט שיטער און פלייסיג אַ פייף געטהון דאָס לאָקאָמאָטיוועל — דער מאַשיניסט האָט מורא געהאַט עמיצען צו דערקוועטשען. און ווילד איז געווען אַ טראַכט צו טהון, אַז אין הענגען פון מענשען טראָגט מען אַריין אַזוי פיעל געוועהנליכע מענשליכע פונקטליכקייט, פלייס, געשעפטליכקייט, אַז די ווינציגסטע זאַך אויף דער ערד ווערט געטהון מיט אַזאַ איינפאַכען און פערנינפטיגען אויסזעהן. געלאָפען זענען די וואַגאָנען, אין זיי זענען געזעסען מענשען, ווי מען זיצט שטענדיג, און געפאָהרען, ווי זיי פאָהרען געוועהנליך; און דערנאָך וועט מען זיך אָבשטעלען, ווי שטענדיג — „דער צוג שטעהט פינף מינוט".

און דאָ וועט קומען דער טויט — די אייביגקייט — דאָס גרויסע געהיימניס.

XII.

מ'האט זיי געבראכט.

פלייסיג זענען געלאָפען די וואַגאָנעגדליך.

עטליכע יאָהר דורכאַנאַנד האָט סערגיי גאַלאָווין געוואוינט מיט די עלטערן אויף אַ זומערוואוינונג אויף דער זעלבער באַהנ-ליניע אַפט געפאָהרען ביי טאָג און ביי נאַכט, און גוט זי געקענט. און ווען מ'זאָל פערמאַכען די אויגען, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז אויך איצט קעהרט ער צוריק אַהיים — איז זיך פערזעסען שפּעט אין שטאָדט ביי בעקאַנטע און קעהרט-צוריק מיט'ן לעצטען צוג.

— איצט גיך, — האָט ער געזאָגט, עפענדיג די אויגען און אַ קוק געבענדיג אין פינסטער, מיט אַ קראַטע פערשטעלטען, נאָר נישט דערקענדען פענסטער.

קיינער האָט זיך נישט גערירהט, נישט געענטפערט, און נאָר נינאַאָק די [illegible] שנעל, איינס נאָך'ן אַנדערן, אויסגעשפּיגען די זיסע

בלינע. און אָנגעהויבען צו לויפען מיט די אויגען איבער׳ן וואַגאָן, טאַפּען די פֿענסטער, די טירען, די סאָלדאַטען.

— קאַלט, — האָט געזאָגט וואַסילי קאַשירין מיט שטאַרע, גלייך ווי אינאמת׳ן פֿערפֿרוירענע ליפּען; און אַרויסגעקומען איז ביי אידם דאָס וואָרט אַזוי: קאַ־אַ־אַט.

טאַניאַ קאָוואַלטשוק האָט אָנגעהויבען צו קאָכען:

— נאַ אַ טיכעל, בינד־אַרום דעם האַלז. דאָס טיכעל איז זעהר וואַרים.

— דעם האַלז? — האָט אומגעוואַרטעט געפֿרעגט סערגיי און זיך דערשראָקען פֿאַר דער פֿראַגע. נאָר ווייל אַלע האָבען אויך אַ טראַכט געטון דאָס זעלבע, האָט קיינער אידם נישט געהערט, — גלייך ווי קיינער וואָלט גאָר נישט געזאָגט אָדער אַלע אינאיינעם וואָלטען געזאָגט איין און דאָס זעלבע וואָרט.

— גאָר נישט, וואַסיאַ, בינד־אַרום, בינד־אַרום, וועסט וואַרימער זיין, — האָט אַ עצה געגעבען ווערנער. דערנאָך זיך אומגעקערט צו יאַנסאָן און צערטליך געפֿרעגט:

— ליבער, און דיר איז נישט קאַלט, אַ?

— ווערנער, אפשר וויל ער רויכערן. חבר, איהר ווילט, אפשר, רויכערן? — האָט געפֿרעגט מוסיאַ. — מיר האָבען.

— כ׳וויל.

— גיב אידם אַ פּאַפּיראָס, סערעזשע, — האָט זיך דערפֿרייט ווערנער. נאָר סערגיי האָט שוין אַרויסגענומען אַ פּאַפּיראָס. און אַלע האָבען מיט ליבע געקוקט, ווי יאַנסאָנ׳ס פֿינגער האָבען גענומען דעם פּאַפּיראָס, ווי ס׳האָט געברענט דאָס שוועבעלע און פֿון יאַנסאָנ׳ס מויל איז אַרויס אַ בלוי רויכעל.

— נו, אַ דאַנק — האָט געזאָגט יאַנסאָן. — גוט.

— ווי משונה־מאָדנע! — האָט געזאָגט סערגיי.

— וואָס משונה־מאָדנע? — האָט זיך אויסגעדרעהט ווערנער. — וואָס משונה־מאָדנע?

— אָט: דער פּאַפּיראָס.

ער האָט געהאַלטען אַ פּאַפּיראָס, אַ געוועהנליכען פּאַפּיראָס, צווישען געוועהנליכע לעבעדיגע פֿינגער, און בלאַס מיט פֿערוואונ־דערונג, זאָגאַר ווי מיט פחד געקוקט אויף אידם. און אַלע האָבען אָנ־געשטעלט די אויגען אויף דאָס דינע שטיקעלע, פֿון שפּיץ פֿון וועלכ

נען ווי אַ געדרעהט בלוי סטענגעלע איז געלאָפען אַ רויכעל, אַוועקגעטראָגען אין אַ זייט פון אָטעם, און טונקעל געוואָרען איז, אנקלויבענדיג זיך, דאָס אַש. אויסגעלאָשען.

— אויסגעלאָשען, — האָט געזאָגט טאַניאַ.

— יאָ, אויסגעלאָשען.

— נו איז צו אַלדיע רוחות! — האָט געזאָגט ווערנער, פערחמאַרעט, און אונרוהיג קוקענדיג אויף יאַנסאָן, ביי וועלכען די האַנדמיט׳ן פּאַפּיראָס איז געהאַנגען, ווי אַ טויטע. פּלוצים האָט ציגאַנאָק זיך אויסגעדרעהט, נאָהענט, פּנים אל פּנים, זיך אָנגעבויגען צו ווערנער׳ן און, איבערקערענדיג די ווייסלען, ווי אַ פערד, איינגערוימט:

— באַרין, ווי מיינסטו, ווען מען זאָל די קאָנוואָינעם, יענע מעשה... אַ? פּרובען?

— מען דאַרף נישט — אויך שטיל האָט געענטפערט ווערנער. — טרינק־אויס ביז צום סוף.

— צו וואָס? אין געשלעג איז עס פאָרט פריילעכער, אַ? איך אידם, ער מיר, און אַליין נישט בעמערקט, ווי מען האָט דיך דערהרגעט. גלייך ווי נישט געשטאָרבען.

— ניין, מען דאַרף נישט, — האָט געזאָגט ווערנער און זיך אומגעקערט צו יאַנסאָן: — ליבער, פאַר וואָס רויכערסטו נישט?

פּלוצים האָט יאַנסאָנ׳ס פויל געזיכט זיך אומגליקליך צוקנייטשט: גלייך ווי עמיצער וואָלט אונטען אַ ציה טון פאַרן שטריקעל, וואָס ברענגט אין בעוועגונג די רינצלען, און אַלע האָבען זיך אויסגעקרימט. און ווי פון שלאָף, האָט יאַנסאָן אָנגעהויבען צו וויינען, אָהן טרערען, מיט טרוקענעם, כמעט געמאַכטען קול:

— איך וויל נישט רויכערן. אַג—האַ! אַג—האַ. אַג—האַ. מען דאַרף מיך נישט הענגען. אַג—האַ, אַג—האַ, אַג—האַ.

נעבען אידם איז געוואָרען אַ גערודער. טאַניאַ קאָוואַלטשוק, שטאַרק וויינענדיג, האָט אידם געגלעט איבערן אַרבעל און פערדריכטענדיג די אַראָפּגעלאָזענע פליגעל פון אָפּגעקראָכענעם הוטעל:

— טייערער מיינינקער. ליבינקער, וויין זשע נישט, טייערער מיינינקער! אומגליקליכער מיינינקער!

מוסיאַ האָט געקוקט אין אַ זייט. ציגאַנאָק האָט געחאַפּט אידר בליק און אויסגעשטשערעט די ציין.

— אַ טשודאַק, יעווא בלאַגאָראָדיע! טרינקט טיי, און דער בויך איז קאַלט, — האָט ער געזאָגט מיט אַ קורץ געלעכטערל. נאָר ביי איהם אַליין איז דאָס פּנים געוואָרען בלוי־שוואַרץ, ווי טשוגון, און ס'האָבען געקנאַקט די גרויסע געלע ציין.

פּלוצים האָבען די וואַגאָנדלעך אַ ציטער געטון און דייטליך איינגעהאַלטען דעם גאַנג. אַלע, אויסער יאַנסאָן און קאַשירין, האָבען זיך אונטערגעהויבען און טאַקי אַזוי גיך צוריק געזעצט זיך.

— סטאַנציע! — האָט געזאָגט סערגיי.

גלייך ווי מען וואָלט מיט אַ מאָל אויסגעשעפּט פון וואַגאָן די גאַנצע לופט: אַזוי שווער איז געוואָרען צו אָטעמען. דאָס אויבגעוואַקסענע האַרץ האָט צוזעצט די ברוסט, זיך געשטעלט פאַפּערעק דעם האַלדז, געוואָרפען זיך וואַנזיניג — געשריגען אין גרויל מיט זיין בלוטיגער שפּראַך. און די אויגען האָבען געקוקט אַראָב אויפ'ן ציטערדיגען פּאָל, און די אויערען געהערט, ווי אַלץ לאַנגזאַמער האָבען זיך געדרעהט די רעדער — געגליטשעט — ווידער געדרעהט זיך — און פּלוצים געבליבען שטעהן.

דער צוג האָט זיך אָבגעשטעלט.

דאָ האָט זיך אָנגעהויבען אַ חלום. נישט ס'זאָל זיין זעהר שרעקליך, נאָר געשפּענסטעריש, חלשות'דיג און עפּעס פרעמד: דער טרויעריגער אַליין איז געבליבען אין אַ זייט, און נאָר דער געשפּענסטיגער האָט זיך בעוועגט, גערעדט אָהן ווערטער, געליטען אָהן ליידען. אין חלום אַרויסגעגאַנגען פון וואַגאָן, צוטיילט זיך אויף פּאָרלעך, געשמעקט די בעזונדערס פרישע, וואַלדיגע, פרילינגדיגע לופט. אין חלום שטומפּיג און מאַכטלאָז האָט זיך געוועהרט יאַנסאָן און שווייגענדיג, האָט מען איהם אַרויסגעשלעפּט פון וואַגאָן.

מען האָט זיך אַראָבגעלאָזט פון די טרעפּלעך.

— צופוס דען? — האָט געפרעגט עמיצער, כמעט פריילעך.

— דאָ נישט ווייט, — האָט געענטפערט עמיצער אַנאַנדערער פּונקט אַזוי פריילעך.

דערנאָך איז מען אין אַ גרויסער, שוואַרצער, שווייגענדיגער מחנה געגאַנגען אין מיטען וואַלד אויף אַ שלעכט־געמאַכטען, נאַסען און ווייכען, פרילינגדיגען וועג. פון וואַלד, פון שניי האָט געטריבען פרישע, שאַרפע לופט; דער פוס האָט זיך געגליטשט, אַמאָל אַדורכגעפאַלען אין שניי און די הענט האָבען ניט ווילענדיג זיך אָנגעחאַפּט אַן חבר:

און הויך אַטעמדיג, שווער, אויפֿן פֿעסטען שנײ האָבען זיך בעוועגט בײ די זײַטען די סאָלדאַטען. עמיצענס שטימע האָט בײז געזאָגט:

— נישט געקאָנט אַבריינגען דעם וועג. געה גראַבעל זיך דאָ אין שנײ.

עמיצער האָט שולדיג זיך פֿערענטפֿערט:

— געריינגט, וואַשע בלאַגאָראָדיע. נאָר סילאָוט, וועסט נישט העלפֿען.

דאָס בעוואוסטזיין האָט אומגעקעהרט, נאָר נישט אינגאַנצען, שטיקלעך ווײַז, משונה־מאָדנע ברעקליך־ווײַז. דאָ פּלוצים האָט דער געדאַנק געשעפֿטליך אונטערגעהאַלטען:

— ווירקליך נישט געקאָנט דעם וועג אָבריינגען.

דאָ ווידער אויסגעלאָשען אַלץ און געבליבען נאָר איין גערוך: אינטערטרעגליך־העלער ריה פֿון לופֿט, וואַלד, צוגעהענדען שנײ; דאָ אויסערגעוועהנליך קלאָר געוואָרען אַלץ: אי דער וואַלד, אי די נאַכט, אי דער וועג, אי דאָס, אַז זײ וועט מען באַלד, די מינוט, אויפֿהענגען. שטיקלעך־ווײַז איז הורכגעפֿלויגען אײנגעהאַלטענער שטילער געשפּרעך.

— באַלד פֿיער.

— געזאָגט: פֿריה פֿאָהרען מיר אַרויס.

— סטאָט אים פֿינף.

— נו יאָ, אים פֿינף. געדאַרפֿט טאַקי...

אין פֿינסטערניש, אויף אַ לאָנקעלע, אָבגעשטעלט זיך. אין אַ געווײַסטער שטרעקע, הינטער די שיטערע, ווינטערדיג־דורכזיכטיגע בוימער, האָבען שווײַגענדיג געריהרט זיך צוויי לאַמטערענדלעך: דאָרט האָבען געשטאַנען די תליות.

— אַ קאַלאָש פֿערלוירען, — האָט געזאָגט סערגיי גאָלאָווין.

— נו? — האָט נישט פֿערשטאַנען ווערנער.

— אַ קאַלאָש פֿערלוירען. קאַלט.

— און וואו איז וואַסילי?

— איך ווײס נישט, אָט שטעהט.

פֿינסטער און אונבעוועגליך איז געשטאַנען וואַסילי.

— און וואו איז מוסיאַ?

— איך בין דאָ. דאָס ביסט דו, ווערנער?

אָנגעהויבען אַרומקוקען זיך, אויסמײַדענדיג צו קוקען אין יענער זײַט. וואו שווײַגענדיג און שרעקליך־פֿערשטענדליך האָבען זיך

ווײַטער בעוועגט די לאַמטערנדלעך. לינקס איז דער ענטבלויזטער וואַלד ווי שווערער געהילצן, אַרויסגעקוקט האָט עפּעס גרויסעס, ווײַסעס, פלאַכעס. און פון דאָרטן איז געגאַנגען אַ פײַכטער ווינט.

— ים, — האָט געזאָגט סערגיי גאָלאָווין, אײַנשמעקנ-דיק זיך און חאַפּענדיק מיטן מויל די לופט. — דאָרטן איז דער ים.

מוסיאַ האָט הילכיק זיך אָנגערופן:

— מײַן ליבע, ברייטע, ווי דער ים!

— וואָס זאָגסטו, מוסיאַ?

— מײַן ליבע, ברייטע, ווי דעם ים, האַלטן קאָנען ניט די לעבנס-ברעגעס.

— מײַן ליבע, ברייטע, ווי דער ים, — אונטערגעבענדיק זיך דעם טאָן פון קול און די ווערטער, האָט איבערגעחזרט פאַרקלערט סערגיי.

— מײַן ליבע, ברייטע, ווי דער ים.. — האָט איבערגעחזרט ווער-נער און פּלוצים פריילעך זיך פאַרוואונדערט: מוסקאַ! ווי יונג ביסטו נאָך!

פּלוצים נאָענט, סאַמע בײַם אויער ווערנערס, האָט זיך דערהערט אַ הייסער, זיך וואָרגענדער שטאַמלען פון ציגאַנאָק:

— באַרין, אַ, באַרין. דער וואַלד, אַ? נאָענט, וואָס זשע איז דאָס? און דאָרטן וואָס איז דאָס, וואו די לאַמטערנדלעך, דער הענגער צי וואָס? וואָס זשע איז דאָס, אַ?

ווערנער האָט אַ קוק געטאָן: ציגאַנאָק האָט זיך געפּײַ-ניקט אין גסיסה-אַנגסטן.

— מען דאַרף זיך געזעגענען... — האָט געזאָגט טאַניאַ קו-וואַלטשוק.

— וואַרט, מען וועט נאָך ליינען דאָס אורטייל. — האָט גע-ענטפערט ווערנער. — און וואו איז יאַנסאָן?

יאַנסאָן איז געלעגן אין שוואַך און נעבן אים האָט מען זיך מיט עפּעס געפּאָרעט. פּלוצים האָט שאַרף אָנגעהויבן שמע-קען מיט אַמאָניאַק.

— נו וואָס הערט זיך דאָרט, דאָקטאָר? נו? — האָט עמיצער געפרעגט אומגעדולדיק.

— גאָר ניט, פּשוט חלשות. רײַבט אים אָן די אויערן מיט שניי. ער קומט שוין צו זיך, מען קען ליינען.

דאָס ליכט פון געהיימען לאַמטערנדעל איז געפאַלען אויפ׳ן פּאַפּיר און ווײַסע הענט אָהן הענטשקעס. אי׳ דאָס אי׳ יענץ האָט אַ ביסעל געציטערט; געציטערט האָט אויך די שטימע:

— הערדן, אפשר, נישט לייענען דעם אורטייל, איהר קענט איהם דאָך? ווי מיינט איהר?

— נישט לייענען, — האָט פאַר אַלע געענטפערט ווערנער און דאָס לאַמטערנדעל איז שנעל אויסגעלאָשען.

פון גלח האָבען אויך אַלע זיך אָבגעזאָגט. און דער פינסטערער בריימער סילועט האָט שווייגענדיג און שנעל זיך אָבגערוקט אין דער טיף און פערשוואונדען. ווי עס שיינט, האָט אָנגעהויבען צו טאָגען: דער שניי איז ווייסער געוואָרען, טונקעלער געוואָרען זענען די פיגורען פון די מענשען, און דער וואַלד איז געוואָרען שיטערער, טרויריגער און פשוטער.

— הערדן, געהן דאַרף מען אין צווייען. שטעלט זיך אין פּאָרען, ווי איהר ווילט, נאָר כיבעט אייך, אײַלט זיך צו.

ווערנער האָט אָנגעוויזען אויף יאַנסאָן, וועלכער איז שוין געשטאַנען אויף די פיס, אונטערגעהאַלטען פון צוויי זשאַנדאַרמען:

— איך מיט איהם. און דו, סערעזשע, נעם וואַסיליען. געהט פאָראויס.

— גוט.

— איך מיט דיר, מוסיעטשקאַ? — האָט געפרעגט קאָוואַלטשוק. — נו, קושען מיר זיך.

ניי׳ זיך צוקושט. ציגאַנאָק האָט געקושט פעסט, אַזוי אַז מען האָט געפיהלט די ציין; יאַנסאָן ווייך און אָבהענדיג, מיט האַלב־אָפענעם מויל, — איבריגענס, ער האָט, דאַכט זיך, אפילו נישט פערשטאַנען, וואָס ער טוט. ווען סערגיי גאָלאָווין און קאַשירין זענען שוין אָבגעגאַנגען אַ פּאָר טריט, האָט קאַשירין פּלוצים זיך אָבגעשטעלט און געזאָגט הויך און דייטליך, נאָר גאָר מיט אַ פרעמדען, אומבעקאַנטען קול:

— זייט געזונד, חברים!

— זיי געזונד, חבר, — האָט מען איהם אָנגעשריען נאָכדעם.

אָבגעגאַנגען. סאיז געוואָרען שטיל. די לאַמטערנדלעך הינטער די בוימער האָבען זיך אָבגעשטעלט אומבעוועגליך. מען האָט גערטאַרט אויף אַן אויסגעשריי, אַ שטימע, עפּעס אַ גערויש, — נאָר ס׳איז

געווען שטיל דארטן, ווי אויך דאָ, און אומבאַוועגליך האָבן געגלעט די לאַמטערנדליך.

— אַך, נאָט מיינער! — האָט ווילד אויסגעהאַרטעוועט עמיצער.

אומגעקוקט זיך: דאָס האָט אין גאַנצן-צוזאַמען זיך געמוטשעט צ י נ א נ א ק — מען הענט!

אָבגעקערט זיך, און מ'איז ווידער שטיל געוואָרן. צ י נ א נ א ק האָט זיך געשטיקט, האַפּענדיג מיט די הענט די לופט:

— ווי זשע איז דאָס אַזוי? הערן, אַז איך אַליין, וואָס? אין קאָמפּאַניע איז פאַרט פריילעכער. הערן! וואָס זשע איז דאָס?

האָט אָנגעכאַפּט ווערנער'ן ביי דער האַנד מיט צוזאַמענ-פרעסענדע און זיך אויפמאַכענדע, ווי שפּילענדע פינגער:

— באַרין, ליבער, האָטש דו מיט מיר, אַ? טו אַ טובה, זאָג נישט ניין!

ווערנער האָט מיט פיין געענטפערט:

— כ'קאָן נישט, ליבער. איך — מיט אידם.

— אַך, גאָטעניו מיינער! אַליין, הייסט עס. ווי זשע איז דאָס אַטעניו!

מוסיאַ איז אַרויסגעטרעטן און שטיל געזאָגט:

— קומט מיט מיר.

צ י נ א נ א ק איז צוריקגעשפּרונגען און ווילד איבערגעקערט זיך אידער די ווייסעלעס:

— מיט דיר?

— יאָ.

— זעה נאָר. אַזאַ קליינינקע! און האָסט נישט מורא? אויב נישט, וועל איך שוין בעסער אַליין. וואָס איז!

— ניין, איך האָב נישט קיין מורא.

צ י נ א נ א ק האָט אויסגעשטשערעט די ציין.

— זעה נאָר! און איך בין דאָך אַ רויבער. מ'אומט זיך נישט? אויב יאָ — דאַרף מען נישט. איך וועל אויף דיר קיין פאַריבעל נישט האָבן.

מוסיאַ האָט געשוויגן און אין שוואַכער אָבשיין פון טאָגען האָט אידער פּנים אויסגעזעהן בלייך און רעטזעלהאַפט. דערנאָך האָט זי זיך צוגעגאַנגען צו צ י נ א נ א ק אין, פערוואַרפענדיג די הענט אויפן האַלז, שטאַרק אַ קוש געגעבן אין די ליפּען. ער האָט

זי אָנגענומען מיט די פֿינגער פֿאַר די פּליצעס, אָנגעדרוקט פֿון זיך, אַ טרייבעל געטון — און הויך, טשמאָקענדיג, אַ קוש געטון אין די ליפּען, אין נאָז, אין די אויגען.

— קום!

פּלוצים האָט דער נאָהנטסטער סאָלדאַט עפּעס זיך אַ שאָקעל געטון און געעפֿענט די הענט, אַרויסלאָזענדיג די ביקס. נאָר נישט אָנגעבויגען זיך אויפצוהויבען, נאָר געשטאַנען אַ מינוט אומבעוועגליך, אויסגעדרעהט זיך שאַרף און, ווי אַ בלינדער, אָנגעהויבען שפּרייזען אין וואַלד אַריין איבער'ן האַרטען שניי.

— וואוהין? — האָט דערשראָקען אײַנגערופֿט דער צווייטער. — שטעה!

נאָר יענער איז אַלץ אַזוי שווייגענדיג און שווער געקראָכען אי־בער'ן טיפֿען שניי; מסתמא זיך פֿערטשעפּעט אָן עפּעס: אַ מאַך געטון מיט די הענט און אומגעפֿאַלען מיט פּנים אַראָב. אַזוי טאַקי געבליבען ליגען.

— די ביקס הויב־אויף, זויערע פּעל! אויב נישט — הויב איך אויף! — האָט האַרב געזאָגט ציגאַנאָק. — קענסט נישט די דינסט!

ווידער צורודערט אָנגעהויבען לויפֿען די לאַמטערענדליך. געקו־מען די רייהע פֿון ווערנער און יאַנסאָן.

— זיי געזונד, באַרין! — האָט הויך געזאָגט ציגאַנאָק. — אויף יענער וועלט וועלען מיר בעקאַנט זיין, וועסט דערזעהן אַמאָל, דרעה זיך נישט אַוועק. און וואַסער אַ טרינק ברענג אַמאָל — היים וועט מיר האַרטען זיין.

— זיי געזונד!

— איך וויל נישט — האָט געזאָגט יאַנסאָן אָבהענדיג. נאָר ווערנער האָט אידם גענומען ביי דער האַנד און עטליכע שריט האָט דער עסט געמאַכט אַליין; דערנאָך האָט מען געזעהן — ער האָט זיך אָבגעשטעלט און אומגעפֿאַלען אין שניי. מען האָט זיך אָנגע־בויגען איבער אידם, אויפגעהויבען און אַוועקגעטראָגען, און ער האָט שוואַך זיך געוואָרפֿען אויף די הענט, וואָס האָבען אידם געטראָגען. פֿאַר וואָס האָט ער נישט געשריגען? מסתמא פֿערגעסען, אַז האָט אַ שטימע.

און ווידער אומבעוועגליך אָבגעשטעלט האָבען זיך די געלע לאַמטערענדלעך.

— און איך, הייסט עס, מיטעטשקא, אליין — האט טרויעריג געזאגט טאניא קאוואלטשוק. — צוזאמען געלעבט, און אט...

— טאניעטשקע, ליבע...

נאר היים האט זיך אריינגעמישט ציגאנאק. האלטענדיג מוסיא ביי דער האנד, ווי מורא'האבענדיג, אז מען קען זי נאך צו-נעמען, האט ער אנגעהויבען רעדען גיך און געשעפטליך:

— אך, בארישנע! דו קאנסט אליין, דו ביסט א ריינע נשמה, דו וואוהין דו ווילסט, קאנסטו אליין. פערשטאנען? און איך נישט. ווי א רויבער...¹— פערשטעהסט? — אוממעגליך, איך זאל אליין. די וואוהין, וועט מען זאגען, קריכסטו, דושעגוב? איך האב דאך אוין פערד געגנבעט, אויף מיין ווארט! און מיט אידר בין איך ווי... ווי מיט א קינד, פערשטעהסט. נישט פערשטאנען?

— פערשטאנען. נו, מילא, גערעט. לאז, איך וועל דיר געבען נאך א קוש, מוסעטשקא.

— צוקושט זיך, צוקושט זיך, — האט ליבליך צוגערעדט די פרויען ציגאנאק. — אייער זאך איז אזעלכע, מען דארף זיך גוט געזעגענען.

געריהרט זיך מוסיא און ציגאנאק. דאס פרויענצימער איז געגאנגען פארזיכטיג, אויסגליטשענדיג זיך און, לויט געוואוינהייט, אונטערהאלטענדיג די קליידלעך; און פעסט, אונטער דער האנד, אבהיטענדיג און אנטאפענדיג מיט'ן פוס דעם וועג, האט זי געפיהרט צום טויט א מאנספארשוין.

די פייערן האבען זיך אבגעשטעלט. שטיל און לעדיג איז גע-ווען ארום טאניא קאוואלטשוק. געשוויגען האבען די סאלדא-טען, אלע גרויע אין פארבלאזען און שטילען ליכט פון ערוואכענדען טאג.

— איינע בין איך — האט פלוצים אנגעהויבען טאניא און האט א זיפץ געטאן. — געשטארבען סערעזשע, געשטארבען אויך זערנער, אויך וואסיא. איינע בין איך. סאלדאטעלעך, א, סאלדא-טעלעך, איינע בין איך. איינע...

איבער'ן ים איז אויפגעגאנגען די זון.

מען האט געלעגט אין קאסטען די טויטע קערפער. דערנאך אפגעפיהרט. מיט אויסגעצויגענע העלזער, מיט וואנזיניג ארויסגעקרא-כענע אויגען, מיט געשוואלענעם בלויען צונג, וועלכער האט ווי,

אַנ׳אונבעוואוסט גרויזאַם בלימעל, אַרויסגעשטעקט פון די ליפּען, בען
טויט מיט בלוטיגער שוים — האָבען געשווימען די לייכען צוריק, און
יעם זעלבען וועג, אויף וועלכען אַליין, לעבעדיג, זיינען זיי געקומען
אַדער. און פונקט אַזוי איז געווען ווייך און הפטיג דער פרילינג־שניי
אין פונקט אַזוי פריש און שטאַרק די פרילינגס־לופט. און געשוואַרצט
האָט אין שניי דער נאַסער, אויסגעריבענער קאַלאָש, וועלכען ס ע ר־
גיי האָט פערלוירען.

אַזוי האָבען די מענשען בעגריסט די אויפגעהענדע זון.